STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04855

DI PRAYZ FUN BROYT

Borekh Sheyngauter

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Norman & Elaine Harris
in memory of
William & Goldie Harris*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (64) № 4

ביילאַגע צום זשורנאַל נומ. 4, 1986

בערעך שיינגאָוטער

די פרייַז פון ברויט

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1986

אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע
פון אַ ר ן װ ע ר ג ע ל י ס

בערעך שײַנגאָוטער איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. פֿאַרענדיקט אַ ייִדישע זיבניאָריקע שול. שפּעטער זיך געלערנט אין דער מאָסקווער טעאַטראַלער שול באַם גאָסעט. אָנטײלנעמער פֿון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מלחמה. געאַרבעט אין מאָסקווער פֿאַבריקן אַלס אַרבעטער און אָנגעשטעלטער. די ערשטע דערציילונג „ווען איר מאַמע זאָל געווען וויסן" פֿאַרעפֿנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין 1972. פֿון דעמלט אָן אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל אַ רײ דערציילונגען, נאָוועלעס און קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגען. וווינט אין מאָסקווע.

די שלאכטן אין מיזרעד־פרײַסן

דעם גענעראל טשערניאכאָווסקיס איבערזעצער

אין 1960 האָב איך אין דער שטאָט יעסענטוקי זיך באקאנט מיט א דאָצענט פון לינגוויסטיק, א ספעציאַליסט פון גערמאנישע און ראָמאנישע שפּראכן. כוץ זײַנע ספּעציעלע קענטעניש, האָט ער פאַרמאָגט א ברייטע אַלגעמיינע ערודיציע. אַלט איז ער דעמלט געווען אין די פופציקער. א הויכער, גלײַכער, מיט א שטענדיקן רויִקן שמייכל אין די צעשטרייט קוקנדיקע גרויע אויגן.

געהייסן האָט ער אַלעקסאנדער וועניאמינאָוויטש קורגאנסקי. ווען ס'איז געקומען צו רייד מיקויעך דער מילכאָמע און איך האָב געזאָגט, אז אין מיזרעד-פרײַסן האָב איך געקעמפט אין באשטאנד פון דעם דריטן ווײַסרוסישן פראָנט, מיט וועלכן ס'האָט קאָמאנדעוועט דער גענעראַל טשערניאכאָווסקי, האָט ער אף מיר אזא קוק געטאָן מיט די ברייט צעעפנטע אויגן, ווי איך וואָלט אים נעענטער, כאָשעווער געוואָרן.

— אין אוועלכער ארמיי? — האָט ער זיך אײַליק א רוק געטאָן מיטן בענקל צו מיר.

— אין דער אכט-און-צוואנציקסטער.

— אהא! באם גענעראַל לוטשינסקין! — האָט זיך אין זײַנע אויגן צעשפּילט די נײַגעריקײַט. — נו, און דעם גענעראַל טשערניאכאָווסקין האָט איר אמאָל געזען?

— איין מאָל. און איר האָט אים אמאָל געזען?

מײַן פראגע האָט בא אים ארויסגערופן אן אומעטיקן שמייכל.

— צי איך האָב אמאָל געזען דעם גענעראַל טשערניאכאָווסקין, פרעגט איר? — האָט זיך זײַן בליק פארטראָגן אין דער ווײַט. — געזע-ען! — און ציִענדיק פארטראכט די ווערטער, האָט ער פאַרגעזעצט: — איוואַן דאניִלאָוויטש איז געווען מײַן נאָענטער כאווער! איך בין געווען זײַן פער-זענלעכער איבערזעצער פון דעם 12 אויגוסט 1941 ביז דעם 18 פעווראל 1945 — ביזן טאָג פון זײַן טויט... — האָט זײַן שטים אופגעציטערט. —

איך בין אין דעם מאָמענט פון זײַן שטערבלעכער פאַרוווּנדונג געפאָרן מיט אים אין איין „ווילִיס" צום גענעראַל גאָרבאַטאָוו, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער דריטער ארמיי. אָבער וועגן די אומשטאַנדן פון זײַן טויט וועל איך אײַך נאָך דערציילן. עס ווילט זיך מיר דערווײַל ריידן וועגן אים ווי וועגן א לעבעדיקן... וועגן דעם, וואָס פאַר א גרויסער פאָלקנפירער ער איז געווען, וואָס פאַר א סטראַטעגישע אָפּעראַציעס ער האָט פאַרטראַכט און פאַרווירקלעכט, באַזונדערס צווישן אונדזער ערשטן און צווייטן אָנגריף אין מיזרעך-פּרײַסן.

מיט זײַן דרייסטן און ריזיקאַלן פּלאַן האָט דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי צעשטערט און דעזאָרגאַניזירט דעם סוינעס פּלאַן פאַרצונעמען קעגן אונדז א גענעראַלן קאָנטער-אָנגריף, וועלכער וואָלט אונדז זייער טײַער אָפּגעקאָסט!

אונדזער ערשטער דורכבראַך אין מיזרעך-פּרײַסן האָט זיך אָנגעהויבן, ווי איר ווייסט, דעם 18 אָקטיאַבער 1944. אין יענעם טאָג האָבן אונדזערע סאָלדאַטן צום ערשטן מאָל באַטראָטן די ערד פון היטלערס רײַך...

— אַזוי ווי איר זײַט געווען ניט איין יאָר אין טשערניאַכאָווסקיס שטאַב און זײַנער א נאָענטער פרײַנט, דאַרפט איר דאָך וויסן די סיבע, פאַרוואָס אונדזערע באַוואָפנטע קויכעס האָבן אָנגעהויבן די שלאַכטן אויף דער דײַטשישער טעריטאָריע ניט דורך צענטראַל-דײַטשלאַנד, נאָר דורך מיזרעך-פּרײַסן? — האָב איך זיך נאָכגעפרעגט.

אַלעקסאַנדער וועניאַמינאָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט.

— קעדיי אײַך ענטפערן אויף אײַער פראַגע, וועל איך דאַרפן דערמאָנען א ביסל געשיכטע, — האָט ער מיר געענטפערט און פאָרגעזעצט: — אָנהייבנדיק פון דעם סאָף דרײַצנטן יאָרהונדערט, האָבן די דײַטשישע פעאָדאַלן און ריטער פאַרפירט מילכאָמעס מיט ליטע, פוילן, רוסלאַנד און מיט אַנדערע אײראָפּעיִשע לענדער. מיזרעך-פּרײַסן איז געווען דער פּלאַצדאַרם און דער פאַרפעסטיקטער באַסטיאָן, פון וואַנען די פּרײַסישע פעאָדאַלן, ריטער און די שפּעטער אויפגעקומענע יונקערס זײַנען אין אַלע היסטאָרישע פעריאָדן אָנגעפאַלן אויף די סלאַווישע לענדער. פון די פּרוסאַקעס האָט היטלער צוגעגרייט זײַנע הויפּט-קויכעס, מיט וועלכע ער איז דורך די בײַבאַלטישע לענדער אויף אונדז אָנגעפאַלן אין 1941. מיזרעך-פּרײַסן איז פאַר היטלערן אויך געווען דער פאַרפעסטיקטער באַסטיאָן, הינטער וועלכן ער האָט געהאָפט פאַרצוימען דעם וועג פאַר אונד-

זערע אָנגריפֿן אויף די צענטערס פֿון דײַטשלאַנד, אויף בערלין. פּרײַסן איז פֿאַר היטלערס רײַך געווען דער הויפּט-אַרסענאַל, וווּ אויסגעבויטע אונטער דער ערד מיליטערישע זאַוואָדן האָבן פּראָדוצירט געווער, אונטערערדישע לאַבאָראַטאָריעס און זאַוואָדן האָבן דערפֿונדן און פּראָדוצירט ברענשטאָף, דערונטער סינטעטישן בענזין. אונטער דער ערד האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן ריזיקע רעזערוווואַרן מיט ברענשטאָף פֿאַר זייער אַוויאַציע און טאַנקען... און פּרײַסן איז געווען אויך היטלערס לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַזע: ברויט, קאַרטאָפֿל און אַנדערע דערנערונג-פּראָדוקטן פֿאַר זײַנע באַוואָפֿנטע קויכעס.

אונדזערע אויסשפּיר-צענטערס האָבן וועגן דעם געוווּסט און געהאַט די פּלענער פֿון די אָביעקטן. נעמענדיק אין אַכט די אַלע פֿאַקטאָרן, האָט אונדזער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט באַשטימט אַרויסשלאָגן פֿון היטלערס הענט זײַנע וויכטיקסטע עקאָנאָמישע און סטראַטעגישע באַזעס: צעבאָמבירן זײַנע געווער-זאַוואָדן, אונטערצינדן די אונטערערדישע ברענשטאָף-רעזערוווואַרן, אָפּשנײַדן צענטראַל-דײַטשלאַנד פֿון די פּרײַסישע האַפֿנס, דורך וועלכע דאָס געווער, ברענשטאָף און ברויט פֿלעגט אַריבערגעפֿירט ווערן קיין דײַטשלאַנד, פֿאַרכאַפּן מיזרעך-פּרײַסן און פֿון דאָרט, דורכן באַלטישן ים און דורך מיזרעך-פּאָמעראַניע, אָנגרײַפֿן אויף צענטראַל-דײַטשלאַנד — אויף בערלין...

אָט פֿאַרוואָס אונדזער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט האָט באַשטימט אָנהייבן אונדזער אָנגריף אויף היטלערס רײַך דורך מיזרעך-פּרײַסן.

לײַדנדיק די שווערסטע פֿאַרלוסטן אויף די אָנצאָליקע, שטאַרק פֿאַרפֿעסטיקטע פּרײַסישע פֿאָרטיפֿיקאַציעס, האָבן אונדזערע פֿראָנטן, לויטן באַפֿעל פֿון דער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט, זיך געמוזט דאָ אָפּשטעלן דעם 20 דעקאַבער 1944 און וואַרטן אויף רעזערוון. און אין יענעם קריטישן פֿאַר אונדזערע פֿראָנטן צושטאַנד האָט דער סוינע אײַליק זיך געגרייט צו אַ קאָנטער-אָנגריף...

טשערניאַכאָווסקיס שטאַב און אונדזער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט האָבן וועגן דעם סוינעס פּלאַן געוווּסט. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז ער קאָן דערווײַל ניט אונטערנעמען קיין קאָנטער-אָנגריף, ביז עס וועלן ניט אונטערקומען זײַנע רעזערוון. עס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז די קעגנשטייענדיקע קויכעס האָבן זיך געפֿונען אין איינער און דער זעלבער

לאגע: ביידע צדדים האָבן געוווּסט, אַז דער סוינע וואַרט אויף רעזערוון, קעדיי פֿאַרנעמען אַן אָנגריף...

אין יענע גורלדיקע פֿאַר אונדז טעג, ווען דאָס מיליטערישע גליק האָט זיך געוואַקלט אויף דער וואָגשאָל פֿון דער געווינענער צייט, האָט זיך פֿון ביידע זייטן אָנגעהויבן די טייוולאַנישע מילכאָמע-שפּיל: ווער וועט דער ערשטער באַווייזן דערלאַנגען דעם אַנטשיידענעם טויט-קלאַפּ.

אונדזערע גרויסע רעזערוון, וועלכע זיינען דערווייל באַשטאַנען פֿון 110 עשעלאָנען מיט לעבעדיקע קויכעס, טאַנקען, סנאַריאַדן, „קאַטיו-שעס", ברענשטאָף און פּאָנטאָן-בריקן, האָבן געיילט דורך א סאַך אייזנ-באַן-מאַגיסטראַלן און אויף טראַנספּאָרט-אַעראָפּלאַנען, זיי האָבן געקאָנט אָנקומען צו די שלאַכטפעלדער אַמווייניקסטן אין ניין-צען מעסלעס אַרום. נו, און ווען האָט געקאָנט באַקומען זיינע רעזערוון דער סוינע? ווען וועט דער סוינע גרייט זיין פֿאַרצונעמען זיין קאָנטער-אָנגריף? מיט וואָסערע קויכעס? אויף די דאָזיקע פֿראַגעס האָט אונדזער אַגענטור, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין צענטראַל-דייטשלאַנד און אין מיזרעך-פּרייסן, און אויך אונדזער קאָנטער-אויסשפּירונג קיין גענויען ענטפֿער ניט געקאָנט געבן.

דעמלט האָט דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי איבערגעגעבן אונדזער רעזידענט א באַפֿעל, ער זאָל אַריבערשיקן אַן אַגענט אין זיין, טשערניא-כאָווסקיס, שטאַב.

עס זאָגט זיך אַזוי לייכט: „אַריבערשיקן אַן אַגענט אויף אונדזער זייט!". און אין וועמענס הענט דער אַגענט האָט געקאָנט אַריינפֿאַלן, וועלן מיר איצט וועגן דעם ניט ריידן...

אין איינער פֿון יענע פֿינצטערע נעכט האָט פּלוצעם זיך דערהערט פֿון אונדזער פֿאָדערשטער ליניע אַן אַרטילערישע קאַנאָנאַדע. אונטער דעם דאָזיקן פֿייער, וואָס האָט געדאַרפֿט אָפּווענדן דעם סוינעס אויפֿ-מערקזאַמקייט, האָט אונדזער אַגענט זיך איינגעגעבן אַריבערקלייבן אויף אונדזער זייט.

נאָך דעם, ווי דער אַגענט האָט זיך באַגעגנט מיטן גענעראַל טשער-ניאַכאָווסקין, מיט זיין שטאַב-שעף פּאָקראָווסקין און מיטן שעף פֿון אונד-זער קאָנטער-אויסשפּירונג דעם גענעראַל יערמאַקאָוון, איז טשערניאַכאָוו-סקי דרינגענד אַרויסגעפֿלויגן קיין מאָסקווע, קעדיי פֿאָרלייגן דער אויי-בער-קאָמאַנדשאַפֿט א פּלאַן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין פּרעצע-

דינט ניט אין דער ערשטער און ניט אין דער צווייטער וועלט-מלחמה: פֿאַרכאַפּן און אריבערפֿירן אויף אונדזער זייט דעם שעף פֿונעם אָפּעראַטיוון אָפּטייל פֿון דעם פּרײַסישן פֿראָנט, דעם גענעראַל וואָלפֿגאַנג פֿאָן ליוקענוואַלדערן. מיט דער פֿאַרכאַפּונג-אָפּעראַציע האָט געדאַרפֿט אָנפֿירן אויף דעם סוינעס טעריטאָריע אין דער שטאָט גאַמבינען אונדזער רעזידענט אין מיזרח-פּרײַסן גיונטער וואָלדאָף. ווער איז געווען גיונטער וואָלדאָף? ער האָט געדינט אין דער דײַטשישער אַרמיי אין נידער-סילעזיע נאָך איידער היטלער האָט פֿאַרכאַפּט די מאַכט. אין 1928 האָט מען דעם יונגן לייטענאַנט איבערגעפֿירט קיין מיזרח-פּרײַסן פֿאַרזעצן די דינסט אין שטאַב פֿון דער פֿערטער אַרמיי, וועלכע איז דיסלאָצירט געווען אין קעניגסבערג. קאָמאַנדיר פֿון דער אַרמיי איז געווען דער גענעראַל ריינהאַרדט. אין 1944, ווען מיר האָבן פֿאַרכאַפּט א טייל פֿון פּרײַסן, האָט גיונטער וואָלדאָף געטראָגן דעם ראַנג פֿון א פּאָלקאָווניק אין ריינהאַרדטס שטאַב. פֿאַר די לאַנגע יאָרן מיליטערישער דינסט אין פּרײַסן האָט וואָלדאָף אויף אַזויפֿיל זיך נאַטוראַליזירט אַלס דײַטש, אַז ער וואָלט שוין אַליין ווי ניט געגלייבט, ווען עמעצער וואָלט אים דערמאָנט, אַז ער איז א ייִד און אַז זײַן ייִדישער נאָמען איז אין כאַרקאָוו געווען דאָוויד שקאָלניק...

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה אין פּרײַסן, האָט מען דעם גענעראַל ריינהאַרדטן אַוועקגעשטעלט קאָמאַנדעווען מיט זייער פֿראָנט. דער פּאָלקאָווניק וואָלדאָף איז אין זײַן שטאַב...

די געפֿאַר פֿאַר אונדז איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם סוינעס רעזערוון האָבן געקאָנט אונטערקומען פֿריִער פֿון אונדזערע. ס'איז אים געווען נעענטער...

דער אויסערסט געפֿערלעכער מאָמענט האָט געפֿאָדערט דרינגענד זיך דערוויסן דעם סוינעס פּלענער, און קעדיי פֿאַרסירן די פֿאַרכאַפּונג-אָפּעראַציע, האָט מען באַשטימט צו ריזיקירן מיט א קאָמאַנדע דיווערסאַנטן.

...זעקס אונדזערע אויסשפּירער-דיווערסאַנטן, בעראָש פֿון וועלכע ס'איז געשטעלט געוואָרן א פּאָלקאָווניק — אן עמעסער דײַטש, פֿון אונדזערע פּאָליט-עמיגראַנטן, האָט מען איבערגעטאָן אין אוניפֿאָרמעס פֿון דער דײַטשישער פֿעלד-זשאַנדאַרמעריע, באַוואָרנט מיט ווירקלעכע דײַטשישע דאָקומענטן, באַוואָפֿנט מיט דײַטשישע אויטאָמאַטן, קינזשאַלן און גראַנאַטעס. אַלע דיווערסאַנטן האָבן גערעדט דײַטש. צי דאַרף מען ריידן

װעגן דעם, אַז זײ זײַנען געגאַנגען צום לײב אין מױל — אױף אַ קימאַט זיכערן טױט? אָבער צי טראַכטן די דיװערסאַנטן װעגן זײער טױט?

נאָך דעם, װי מע האָט זײ געניי אינסטרוקטירט אין אַלע דעטאַלן און מיט די מעגלעכע װאַריאַנטן פֿון אומדערװאַרטע קאָמפּליקאַציעס, האָט אין אַ כּוישעכדיקער שנײיִקער נאַכט, בײַ אײנס אַזײגער פֿון דעם 2-טן אױפֿן 3-טן יאַנואַר 1945, זיך אױפֿגעהױבן און פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אין דעם פֿינצטערן הימל אונדזער באָמבאַרדיר-אַװיאַציע באָמבאַרדירן די שטאָט גאַמביניען. אַרומגערינגלט מיט פֿאַרניכטלער, איז צװישן זײ געפֿלױגן דער ספּעציעלער עראָפּלאַן מיט די דעסאַנטניקעס, װעלכער האָט אין דער בעהאַלטע פֿון דער באָמבאַרדירונג געדאַרפֿט אַראָפּנידערן אין װאַלד לעבן דער שטאָט גאַמביניען. דעם סױנעס זעניט-אַרטילעריע האָט שטאַרק באַשאָסן אונדזערע עראָפּלאַנען. ס׳זײַנען געװען פֿאַרלוסטן, אָבער דער דעסאַנט-עראָפּלאַן האָט אַראָפּגענידערט אױף די שײַן-סיגנאַלן.

אין װאַלד האָט אױף דער קאָמאַנדע געװאַרט װאָלדאָפּס אַן אַגענט, אױך אין דער אוניפֿאָרם פֿון דער פֿעלד-זשאַנדאַרמעריע, אין אַ געדעקטער מאַשין מיט דײַטשישע עמבלעמעס.

װאָלדאָפּס אַגענט האָט זיך אױפֿגעהױבן אין דעם עראָפּלאַן.

— הערט דעם רעזידענטס אָנװײַזונגען — זײַן באַפֿעל! — האָט ער זיך געװענדט צו דער קאָמאַנדע דיװערסאַנטן, צום פֿליִער און שטורמאַן: — עס איז אױסגערעכנט געװאָרן, אַז אױב די פֿאַרכאַפּונג-אָפּעראַציע װעט דורכגײן לױטן אָנגעמערקטן פּלאַן, דאַרף אײַער עראָפּלאַן מיטן פֿאַרכאַפּטן גענעראַל זיך אױפֿהײבן אין דער לופֿט דרײַ אַזײגער — אײנצײַטיק, װען אײַערע באָמבאַרדירער און פֿאַרניכטלער װעלן זיך װידער באַװײַזן איבער דער שטאָט, קעדײ זי באָמבאַרדירן... אין דער לופֿט, — האָט דער אַגענט זיך געװענדט צום פֿליִער, — װעסטו שיקן אײַערע פּילאָטן די דרײַקאָלירקע שײַן-סיגנאַלן, קעדײ אַ טײל פֿון אײַערע פֿאַרניכטלער זאָלן אַרומרינגלען דײַן מאַשין — סטראַכירן זי פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאַרניכטלער — אַזױ װי מע האָט דיך אינסטרוקטירט אין אײַער שטאַב. װאָס עס װעט פֿאָרקומען אין די לופֿט-שלאַכטן, האָט ניט קײן שײַכעס צו דײַן עראָפּלאַן! האַלטן דעם קורס צום עראָדראָם פֿון גראָס-טראַקעניען! אָפּפֿירן אַהין דעם פֿאַרכאַפּטן גענעראַל...

נעמען דעם גענעראַל וועט איר פון זײַן קוואַרטיר, ווו ער וועט אַרבעטן
ביז פיר, פינף אינדערפרי. כּוץ דעם גענעראַל, געפינט זיך אין זײַן ווױ-
נונג נאָר זײַן אַדיוטאַנט. זײַן אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן אײַזערנעם
פּאַרקן קאָטעדזש באַוואַכן צווײ וואַכלײַט. באַם טויער — אַ טעלעפאָן-
בײַדל. באַוואָפנט זײַנען די וואַכלײַט מיט אויטאָמאַטן.

ווען איך וועל מיט אײַך צופאָרן צום גענעראַלס טויער, גײט איר אַלע
אַרויס פון דער מאַשין. דו, פּאָלקאָווניק, וועסט באַווײַזן די וואַכלײַט דײַן
ווירקלעכע דורכלאָז-שײַן, און דו רופסט שטיל אָן דעם פּאַראָל פון דער
הײַנטיקער נאַכט: — „זומער-פליטערל".

אײנער פון די וואַכלײַט וועט דורכן טעלעפאָן אָנקלינגען צום גענע-
ראַלס אַדיוטאַנט און אים אַרויסרופן. ווען דער אַדיוטאַנט וועט אַרויסקו-
מען, וועסטו אים ווידער אָנרופן דעם פּאַראָל, באַווײַזן דײַן דאָקומענט.
וועסט אים זאָגן, אַז דו דאַרפסט איבערגעבן דעם גענעראַל אַ באַפעל
פון דער בערלינער זיכערהײַט-קאַנצעלאַריע. דער אַדיוטאַנט וועט אָנ-
קלינגען דעם גענעראַל און וועט אים איבערגעבן, ווער דו ביסט און וואָס
דו האָסט אים צו זאָגן. פון דער מינוט וועלן דעם גענעראַלס טעלעפאָנען
אויסגעשלאָסן ווערן. איצט וועגן מעגלעכע באַגעגענישן מיט נאַכט-פּאַט-
רולן... אַרמײַישע פּאַטרולן וועלן די פעלד-זשאַנדאַרמעריע ניט אָפּשטעלן.
עס קאָנען זיך אָבער באַגעגענען פּאַטרולן פון דער אָרטיקער זשאַנדאַר-
מעריע. און זײ קענען אײַך ניט... וואָס וועט איר דאַן פאָרנעמען? —
האָט ער זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק.

— ערשטנס, וועל איך באַווײַזן מײַן דאָקומענט פון דער בערלינער
זשאַנדאַרמעריע. זײ וועלן דאָס זען אויף אונדזערע עמבלעמעס. צווייטנס,
וועלן מיר אויף יעדער סיטואַציע רעאַגירן לויט די געגעבענע אומשטאַנדן.
מיר האָבן אין דעם געביט דערפאַרונג. אויב ס'וועט אויסקומען, וועלן
מיר ליקווידירן... מיר ווייסן דאָך, אויף וואָס מיר זײַנען געגאַנגען... מיר
וועלן אויך די דיווערסיע פאַרווירקלעכן!

— איצט — אַלע אין דער מאַשין! — האָט דער אַגענט באַפוילן. —
אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום פיר איך אײַך צו אויף דער העכסטער שנעל-
קײַט צום גענעראַלס וווינונג.

די קאָמאַנדע נעמט דעם גענעראַל

דעם גענעראַלס פּעשענעבעלער צווייִשטאָקיקער קאָטעדזש איז גע־שטאַנען אין דער טיף פון אַ פּאַרק, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן אײַזער־נעם פּאַרקן. באַם פּאַרהאַקטן מיט פּרענטעס אײַזערנעם טויער — צוויי וואַכלײַט מיט גרייטע צום שיסן אויטאָמאַטן אין די הענט.

די קאָמאַנדע בעראָש מיטן פּאָלקאָוניק איז אַרויס פון דער מאַשין. די קאַראַולנע האָבן זיי באַפוילן זיך אָפּשטעלן אויף אַ געוויסן מעהאַלעך פונעם טויער.

דער פּאָלקאָוניק רופט שטיל אָן דעם פּאַראָל... איינער פון די קאַ־ראַולנע גייט צום טעלעפאָן-בײַדל, קלינגט צום גענעראַלס אַדיוטאַנט און שטעלט זיך צוריק אויף זײַן פּאָסטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אַרויס אַ יונגער קאַפּיטאַן. ער רופט דעם פּאָלקאָוניק צום טויער. די וואַכלײַט לאָזן אים צו. פון יענער זײַט טויער בעט דער אַדיוטאַנט, דער פּאָלקאָוניק זאָל איבערכאַזערן דעם פּאַראָל און אים דערלאַנגען זײַנע דאָקומענטן.

דער פּאָלקאָוניק דערלאַנגט אים דעםווירקלעכן דאָקומענט פון דער בערלינער זיכערהײַט-קאַנצעליאַריע — פון דער זשאַנדאַרמעריע-אָפּטיי־לונג (וועלכן די בערלינער אַגענטן האָבן איבערגעגעבן דעם רעזידענט וואָלדאַפן). אין דאָקומענט איז אָנגעוויזן:

„דער זשאַנדאַרם-פּאָלקאָוניק ריכאַרד מעצגער איז באַפולמעכטיקט פון דער בערלינער פעלד-זשאַנדאַרמעריע איבערצוגעבן דעם גענעראַל־פּאָלקאָוניק וואָלפגאַנג פאָן ליוקענוואַלדערן פּערזענלעך, פון האַנט אין האַנט, אַ שטרענג-געהיימען באַפעל".

דער אַדיוטאַנט האָט זיך אומגעקערט אין דעם גענעראַלס קאַבינעט. פון אַ סייף אַרויסגעקראָגן אַ קאָד-סכעמע, לויט איר פאַרגלײַכט דעם געהיימען גריף און די קאָדירטע ציפערן פון דעם פּאָלקאָוניקס דאָקו־מענט, און איבערגעבנדיק אים דעם גענעראַל, געזאָגט:

— דער קאָד איז אידענטיש!

דער גענעראַל האָט איבערגעלייענט דעם דאָקומענט.

באַ איינס אַזייגער, ווען דער גענעראַל ליוקענוואַלדער איז נאָך געווען אין שטאַב, איז פון דער בערלינער פעלד-זשאַנדאַרמעריע איבערגעגעבן געוואָרן אַ טעלעפאָנאָגראַם, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן: „אין

פארלויף פון דער הײַנטיקער נאכט וועט אין דעם שטאב פון דער גרופע ארמייען „צענטער“ אָדער אין דעם גענעראל-פּאָלקאָווניק פאָן ליוקענוואלדערס קווארטיר אָנקומען דער זשאנדארם-פּאָלקאָווניק ריכארד מעצגער. ער האָט איבערצוגעבן דעם גענעראל-פּאָלקאָווניק וואָלפגאנג פאָן ליוקענוואלדערן א שטרענג-געהיימען באפעל פון ערנסט קאלטענברונערס געהילף גענעראל-לײַטענאנט באלדור פריס“.

דער שטאב-דעזשורנע האָט די אָפּגעמערקטע אין שטאב-זשורנאל טעלעפאָנאָגראם באוויזן דעם גענעראל פאָן ליוקענוואלדערן.

— אײַנלאדן צו מיר דעם זשאנדארם-פּאָלקאָווניק! — האָט דער גענעראל באפוילן דעם אדיוטאנט.

דער קאפּיטאן האָט זיך אומגעקערט, באפוילן די קאראַולנע אופשליסן דעם טויער. דעם פּאָלקאָווניק האָט ער געבעטן גיין נאָך אים צום גענעראל.

אין די רעגעס זײַנען דער אדיוטאנט און די צוויי וואכלײַט ליקווידירט געוואָרן אָן איין שאָס.

דעם גענעראל האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער האָט דערהערט א פארשטיקטן געשריי... ער איז צוגעגאנגען צו א פענצטער... אלץ דערזען!.. ער האָט געכאפּט א טעלעפאָן-טרײַבל — עס שווײַגט. עס שווײַגט אויך דאָס צווייטע... די טעלעפאָנען זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן... די דעסאנטניקעס שלעפּן אוועק די הארוגים הינטער דער קעגנײַבערדיקער זײַט וואנט פון דעם הויז. זיי דערזעען, ווי פון דעם ערשטן שטאָק צעפּראלט זיך א פענצטער... עס באווײַזט זיך דער גענעראל... ער האָט זיך באמיט ארויסשפּרינגען. זיי שטעלן אַף אים אָן די אווטאָמאטן.

אין דעם מאָמענט רײַסן זיך ארײַן צום גענעראל דער פּאָלקאָווניק און דרײַ דעסאנטלער. דעם פּאָלקאָווניקס פאראבעלום און דרײַ אווטאָמאטן זײַנען אָנגעשטעלט אַף אים...

דעם גענעראלס הענט האָבן פארקלאמערט די אײַזערנע הענט פון צוויי דעסאנטניקעס.

דער ערשטער אקט פון דער געפערלעכער דיווערסיע האָט זיך פארענדיקט. וואָס שטייט נאָך פאר איבערצולעבן דער קאָמאנדע אַף דעם סוינעס טעריטאָריע?

ווישנדיק דעם שווייס פונעם פּאָנעם און שווער כאפּנדיק דעם אָטעם, האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט:

— איר קאָנט זײַן רויִק פֿאַר אײַער לעבן, הער גענעראַל! מיר טראָגן די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר אײַער זיכערהײַט. מיר זײַנען געקומען אײַך אַרעסטירן און אָפּפֿירן צום אַעראָדראָם...

— דאָס איז אַ באַנדיטישער אָנפֿאַל! איר האָט דערהאַרגעט מײַנע מענטשן! דער קאַפּיטאַן איז מײַנער אַ פּלימעניק! פֿאַר זײַערע לעבנס וועט איר באַצאָלן מיט אײַערע קעפּ! — האָט דער גענעראַל, רײַסנדיק זיך פֿון די הענט, געשריגן. — דערלויבט מיר, ווייניקסטנס, אָנטאָן מײַן אוניפֿאָרם!

דער פּאָלקאָווניק האָט אַליין אונטערגעטראָגן דעם גענעראַל זײַן אוניפֿאָרם.

— גיך צו דער מאַשין! — האָט ער באַפֿוילן דער קאָמאַנדע.

ווען מע האָט דעם גענעראַל צוגעפֿירט און אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין, האָט פֿון אַ הויכן מויער אויף דער אַנטקעגנדיקער זײַט פֿון דעם גענעראַלס הויז בײַ אַ פֿענצטער אַ ציטער געטאָן דער פֿאָרהאַנג, הינטער וועלכן ס׳איז געשטאַנען אונדזער רעזידענט גיונטער וואַלדאָף...

ווען די מאַשין האָט אויף דער העכסטער שנעלקײַט זיך געטראָגן צום וואַלד, האָט פֿון דעם הימל זיך דערהערט אַ שטאַרקער געברויש פֿון אונדזערע עראָפּלאַנען, און פֿון דער ערד — דאָס אײַליקע שיסערײַ פֿון דער דײַטשישער אויטאָמאַטישער זעניט-אַרטילעריע.

דאָס זײַנען אונדזערע פֿאַרניכטלער געפֿלויגן באָמבאַרדירן גאַמבינען און באַגלייטן אונדזער דעסאַנט-עראָפּלאַן, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דער גענעראַל-פּאָלקאָווניק וואַלפֿגאַנג פֿאָן ליוקענוואַלדער...

בײַ פֿיר אינדערפֿרי האָט דער עראָפּלאַן מיטן געפֿאַנגענעם גענעראַל אַראָפּגענידערט אויף דעם עראָדראָם פֿון דער שטאָט גראָס-טראַקעניען, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקיס שטאַב.

אויפֿן פֿאַרהער באַם גענעראַל טשערניאַכאָווסקין

אינעם שטאַב זײַנען באַם טיש געזעסן די גענעראַלן טשערניאַכאָווסקי, זײַן שטאַב-שעף פּאָקראָווסקי, דער פּאָליטישער אָנפֿירער פֿונעם פֿראָנט איגאַלקין, דער שעף פֿון דער קאָנטער-אויסשפּירונג יערמאַקאָוו און דער מיטגליד פֿונעם מיליטערישן ראַט גענעראַל מאַקאַראָוו. איך, אַלס איבערזעצער, בין געשטאַנען הינטער דעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקין.

דער געפאנגענער גענעראל איז אלט געווען 55 יאר. א הויכער, מיט א שטאלץ פאריסענעם, א ביסל געשטופלטן, פארווייעטן פון די פעלד־ווינטן, טונקעלן פאנעם. אין זיינע טיף פארזונקענע בלויע אויגן זיינען געשטאנען צוויי גרויזאמע בליצן. הגאם נאך אזא קאטאסטראפע, וואס האט ארום אים אויסגעבראכן, האט ער געוויס זיך געפילט, ווי א פיש אף דער ווענטקע, האט אבער זיין פאנעם ניט אויסגעדריקט קיין שרעק, קיין פארלוירנקייט, נאר טיפע דערשטוינונג. פון זיין גאנצן געשטאלט האט אפגעגעבן מיט א פארייכערטן פון פולווער־גאזן, אויסגעדינטן אין מיליטערישן גייסט פרוסאק, וועמענס לעבנס־ציל האט זיך באגרענעצט אין דעם פונקטועלן אויספילן זיין מיליטערישן כיוו.

אונדזערע גענעראלן זיינען אופגעשטאנען, מיט צוריקגעהאלטענער זעלבסטווירדע אים אפגעגעבן „טשעסט".

דער געפאנגענער האט זיך מיליטעריש אונטערגעצויגן, זיי געענט־פערט אויך מיט „טשעסט". ער האט א שאר געטאן מיט די בליצנדיקע אויגן איבער די גענעראלן און באמערקנדיק, אז דער גענעראל טשערניא־כאווסקי טראגט א העכערן פון אלע אנדערע גענעראלן ראנג פון אן ארמיי־גענעראל, האט ער מיט א באזונדערן אקצענט פארנייגט פאר אים דעם קאפ.

דער גענעראל טשערניאכאווסקי האט שטיל צו מיר געזאגט, איך זאל בעטן דעם גענעראל־פאלקאווניק וואלפגאנג פאן ליוקענוואלגערן, ער זאל זיך אוועקזעצן צום טיש, און אליין מיט א העפלעכן זשעסט אים אנגעוויזן אפן שטול:

— ביטע, הער גענעראל!

ווען דער געפאנגענער האט זיך אוועקגעזעצט, האט דער שעף פון דער קאנטער־אויסשפירונג אים פארגעלייגט באווייזן זיינע דאקומענטן. באקומענדיק די דאקומענטן, האט ער זיי איבערגעלייענט, באשטעטיקט פאר די גענעראלן, אז דאס איז ווירקלעך דער גענעראל־פאלקאווניק וואלפגאנג פאן ליוקענוואלדער.

דער גענעראל טשערניאכאווסקי האט מיר געהייסן, איך זאל פאר־שטעלן די גענעראלן, וועלכע זיצן אנטקעגן דעם געפאנגענעם. אנרופנ־דיק דעם גענעראל טשערניאכאווסקין, האב איך געזאגט, אז ער האט פארענדיקט צוויי מיליטערישע אקאדעמיעס.

— מיר ווייסן דאס, — האט דער געפאנגענער צוגעשאקלט מיטן קאפ.

אוואדע האָט ער אַלץ געוווּסט וועגן זײַנע קעגנער, פּונקט ווי אונדזערע האָבן אַלץ געוווּסט וועגן אים.

הינטער דעם העפֿטעלכן עטיקעט פֿון די הויכגעבילדעטע גענעראַלן האָט מען אָבער ניט געקענט און ניט געדאַרפֿט אויסבאַהאַלטן די האַרבעווירקלעכקייט, אַז באַם טיש זיצן בלוטיקע סאָנים, וועלכע זײַנען אין די טעג פֿון דעם פֿאַרביטערטן געראַנגל געשטאַנען בעראָש פֿון די קעגנשטייענדיקע סאָלדאַטישע מאַסן, אַז זיי האָבן קאָמאַנדעוועט מיט נאָך ניט געהערטע בלוטיקע שלאַכטן, וועלכע האָבן זיך צעפֿלאַקערט אויף אַ טעריטאָריע קימאַט די גרייס פֿון אוקראַינע, אַז זיי האָבן אָנגעפֿירט מיט גרויזאַמע באַטאַליעס, אין וועלכע דער סנאַריאַדן-האָגל האָט געשליידערט מיט לעבעדיקע און טויטע, ווו ס'האָט געברענט די לופֿט, ווו די פֿאַרשנייטע פֿרײַסישע פֿעלדער זײַנען באַצייכנט געוואָרן מיט רויטע פֿלעקן, ווו צוויפֿגעשטויסן עס האָבן זיך ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, צוויי דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע פּאָליטישע סיסטעמען, וועלכע האָבן אייניצײַטיק ניט געקאָנט עקזיסטירן אויף איין פּלאַנעטע!

פֿון איין זײַט טיש איז געזעסן אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פֿאַשיסטישער סיסטעם, וועלכע האָט געשטרעבט צו פֿאַרשקלאַפֿן די מענטשהייט, פֿון דער צווייטער זײַט — פֿאָרשטייער פֿון דער פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע האָט מיט זיך געטראָגן פֿרײַהייט און שאָלעם פֿאַר דער מענטשהייט.

וועגן וואָס זשע האָבן דעמלט געטראַכט ביידע צדאָדים? וואָס פֿאַר אַ שווערע זאָרגן האָבן געקנייטשט זייערע שטערנס, געבלייכט זייערע אָנגעשטרענגטע פּנעמער? דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי און זײַנע שטאַב-גענעראַלן האָבן געוווּסט, אַז אין אַלע היסטאָרישע צײַטן האָבן דעראָבערטע פֿון דעם קעגנערס צענטראַלן שטאַב סטראַטעגישע פּלענער געהאָלפֿן כאָרעוו מאַכן מעדינעס, פֿאַנגען אַרמייען...

דערגרייכן דאָס איז די אייביקע טרוים פֿון אַ פֿאָלקנפֿירער! די שפּיל איז געגאַנגען אין דעם, צי וועט דער געפֿאַנגענער גענעראַל אויפֿדעקן זײַנע קאָרטן? צי וועט ער אויף אַזוינס גיין?

דער שעף פֿונעם שטאַב פֿון דעם דריטן ווײַסרוסישן פֿראָנט גענעראַל פּאָקראָווסקי האָט אוועקגעלייגט אויפֿן טיש פֿאַרן געפֿאַנגענעם אַ מיליטערישע פֿאַשיסטישע טאָפּאָגראַפֿישע קאַרטע און אָפּגעדרוקטע אויף דײַטש 32 פּראַגעס, אויף וועלכע דער געפֿאַנגענער האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן מינדלעך. מע האָט פֿון דעם געפֿאַנגענעם געפֿאָדערט ניט מער און ניט

וויניקער: ער זאָל ארויסלייגן פאר אונדזער קאָמאנדשאפט דעם שליסל פון זייערע שליסלען!

די ערשטע פראגעס: די נאכט און די שאָ פון זייער קאָנטער-אָנגריף? מיט וויפל ארמייען, באזונדערע קאָרפוסן און בריגאדעס? אוועלכע ספּעקטילן? מיט וויפל טאנקען, הארמאטן און אוויאציע? וויפל פארמאָגן זיי איבערגעפאָרמירטע אין זייער פולן באשטאנד דיוויזיעס? וויפל דערווארטן זיי פון זייער איבער-קאָמאנדשאפט רעזערוון? ווען קאָנען זיי אונטערקומען קיין פריסן? אָנצייכענען אף דער קארטע די ריכטונגען פון זייערע ערשטע עשעלאָנען קעגן אונדזערע קויכעס, די אוויאציע און טאנקען-ריכטונגען אין זייער קאָנטער-אָנגריף אאוו.

דער געפאנגענער האָט אָנגעטאָן די פענסנע, מיט א גלייכגילטיקן אויסדרוק אפן פאָנעם איבערגעלייענט אלע פראגעס. ער האָט זיך פארטראכט. און ווי עס וואָלט פלוצעם, ערשט אין דער רעגע, דערגאנגען צו זיין באוווסטזיין דער מאסשטאב פון דער קאטאסטראָפע, וואָס האָט ארום אים אויסגעבראָכן, און אין וועמענס הענט ער איז ארייַנגעפאלן, איז זיין טונקל פאָנעם גרוי געוואָרן, די שטופלען האָבן זיך בוילעטער אָנגעצייכנט. ער האָט מיט ביידע הענט נערוועז א שאר געטאָן איבער אלע קעשענעס און, קוקנדיק מיט אן אָפּוועזנדן בליק, ווי צו זיך אליין אויסגעשעפּטשעט:

— פארדריסלעך, ניט באוויזן פארכאפּן די סיגארעטן.

דער גענעראל פאָקראָווסקי האָט ארויסגעקראָגן זיין פאָרטסיגאר און שוועבעלעך און מיט א העפלעכן טאָן פאָרגעלייגט דעם געפאנגענעם פארייכערן זיינע סיגארעטן.

דער געפאנגענער האָט געקוקט אף דעם גענעראל, ווי ניט באנעמענדיק, וואָס יענער האָט צו אים געזאָגט. אין א ווילע ארום האָט ער מיט א דאנקבארן שמייכל גענומען א סיגארעט, פארייכערט, אָפּגערוקט די סיגארעטן און שוועבעלעך. עטלעכע מאָל דורכאנאנד נערוועז, ווי פארשלונגען דעם רויך. אופגעשטאנען, מיך געבעטן איבערזעצן זיין ענטפער.

אין שטאב איז די שטילקייט געוואָרן אזוי קאָנצענטרירט, אז מיר האָבן פלוצעם דערהערט דאָס קלאפּן פון אונדזערע זייגערס...

דעם גענעראלס האנט האָט מאשינעל זיך א צי געטאָן צו די פענסנע, זיי ניט ארויפגענומען. א נערוועזער טיק האָט זיך א שלענגל געטאָן איבער זיין פארשטיינערטן פאָנעם. מיט א צוריקגעהאלטענעם, נאָר אנט-

שלאָסענעם טאָן האָט ער, אויסטייַלנדיק יעדעס וואָרט, דערציילט אַרויס־געבראַכט:

— ערשטנס... וועל איך אונדזערע פּלענער אייַך ניט אַרויסגעבן. צווייטנס, קאָן בא מייַן לעבן אַזוינס ניט געשען... דריטנס, וואָס פֿאַר אַ רעפּרעסיווע מיטלען איר וועט קעגן מיר ניט אָנווענדן, וועל איך מייַן פֿאָטערלאַנד ניט פֿאַראַטן. — און ווידער שוין, מיט אַ האַרטן טאָן: — מייַן באַשלוס איז אַן ענדגילטיקער, און קיין אַנדערער וועט ער ניט זייַן!..

די רייד האָט ער אַרויסגעבראַכט ניט מיט קיין פֿאַריסענעם טאָן, נאָר מיט דער אַנטשלאָסנקייט פֿון אַ פֿאַנאַטיקער.

אַ טיפֿער שטילשווייַגן האָט זיך ווידער אייַנגעשטעלט אין שטאַב. און אין דער שטילקייט איז געבליבן הענגען דער גורל פֿון אונדזער ניצאָכן איבער מיזרעך־פּרייַסן...

— מיר וואָלטן אייַך געראַטן, הער גענעראַל, איר זאָלט זיך רעכענען מיטן פֿאַקט, אַז איר זייַט בא אונדז אין געפֿענקעניש! און אויב איר וועט אונדז ניט ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס, וועט אייַך אויסקומען געבן אויף זיי אַן ענטפֿער אין שטרענגערע פֿאַר אייַך אומשטאַנדן — אין מאָסקווע... — האָט דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי זיך צו אים אָנגערופֿן.

— איך וועל זיך דערלויבן באַמערקן, הער גענעראַל, אַז איך בין געפֿאַנגען געוואָרן ניט אויפֿן שלאַכטפֿעלד, — האָט ער צום ערשטן מאָל, מיט אַ רוגזע־טאָן אים אָפּגעענטפֿערט.

— אין וואָס פֿאַר אַן אומשטאַנדן איר זייַט געפֿאַנגען געוואָרן, איז אונדז אומגעפֿער באַוווּסט, הער גענעראַל! — האָט אים געענטפֿערט דער שעף פֿונעם פּאָליט־אָפּטייל. — צי איז אייַך דען ניט באַוווּסט דער פּרינציפּ, אַז צוליב באַזיגן דעם קעגנער זייַנען אַלע מעטאָדן גילטיק?

— באַטראַכט זיך, הער גענעראַל, צו וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן עס קאָן דערפֿירן אייַער קעגנשטעלן זיך אונדז אַלס געפֿאַנגענער. אויב איר וועט ענדערן אייַער אויפֿירונג, וועלן מיר געפֿינען פֿאַר מעגלעך אייַך שטעלן אין פּריווילעגירטע פֿאַר אייַער ווילזייַן לעבנס־באַדינגונגען. מיר קאָנען, צום בייַשפּיל, אייַך אַרייַנפֿירן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דעם פֿעלדמאַרשאַל פּאַוליוסן און זייַנע שטאַב־גענעראַלן, צווישן וועלכע עס וועט אייַך געוויס זייַן ניט לאַנגווייַליק און אינטערעסאַנט.

— דער פֿעלדמאַרשאַל פּאַוליוס האָט פֿאַראַטן מייַן פֿאָטערלאַנד! — האָט ער מיט קאַס אויסגעשריגן.

— דער פעלדמאַרשאַל האָט קיינעם ניט פאַראַטן. פאַרקערט, ער האָט פאַרגענומען אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מיטלען, קעדיי אַרויסצופירן אײַערע סאָלדאַטן פון דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע, און װעלכער אײַער פירערס געליבטע „אינטויציע" האָט זיי אַרײַנגעפירט! און צי האָט דען אײַער היסטאָרישער פירער געמעגט אײַך אַרויסגעבן אַ פאַרזיכערונג אַף דעם פאַל, אויב איר וועט פאַרשפּילן די פרײַסישע קאַמפּאַניע, וועט ער אײַער גענעראַלישן וווילגעבורט פאַר קיין פאַרעטער ניט אַרויס-שטעלן? און איך קאָן אײַך פאַרזיכערן, אַז די פרײַסישע קאַמפּאַניע האָט איר שוין פאַרשפּילט, הער גענעראַל! איבער די פרײַסישע שלאַכטפעל-דער איז דער שניי רויט געוועזן פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט! פאַר דער צײַט פון דעם שטילשטאַנד זײַנען די פעלדער פאַרהילט געוואָרן אין ווײַסן. צי ווילט איר, דער שניי זאָל ווידער רויט ווערן?!

דער געפאַנגענער האָט אַף אים אַ בליק געטאָן מיט זײַנע אויפגערעג-טע אויגן און מיט אַ נערוועזן טאָן אָפּגעענטפערט:

— הער גענעראַל! אַף אונדזערע פעלדער איז דער שניי ווירקלעך רויט געווען, און ער וועט געוויס ווידער רויט ווערן. אָבער ניט בלויז פון אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט!

— און דאָס איז אײַער לעצטער ענטפער?! — האָט דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי מיט קאַס אויסגעשריגן.

— יאָ, הער גענעראַל! ווי מײַן ערשטער!..

— גענעראַל יערמאַקאָוו! — האָט טשערניאַכאָווסקי באַפוילן דעם שעף פון דער קאָנטער-אויסשפּירונג. — דרינגענד אַף אַ פאַרניכטלער באַ-גלייטן דעם געפאַנגענעם קיין מאָסקווע, צום אויבער-הויפּטקאָמאַנ-דיר! — און שטילער: — אויב ניט סטאַלין, וועט אַן אַנדערער אים אויס-לערנען ריידן!..

אין מאָסקווע, אין דער אויבער־קאָמאַנדשאַפט

ווען דער גענעראַל יערמאַקאָוו האָט אַרײַנגעפירט דעם געפאַנגענעם, זײַנען דער שעף פון דעם הויפּט-שטאַב מאַרשאַל וואַסילעווסקי און זײַן געהילף גענעראַל אַנטאָנאָוו אופגעשטאַנען, אים באַגריסט. סטאַלין איז געבליבן זיצן. אַזוי ווי דער פאַרהער האָט זיך איבערגעגעבן דורך „ווע-

טשע" פון טשערניאַכאָווסקיס שטאַב גלייך אין דער אויבער-קאָמאַנדשאַפט, ווו ער איז דעשיפרירט און איבערגעזעצט געוואָרן, האָבן סטאַלין און זיינע געהילפן שוין געוווסט וועגן דער פאַנאַטישער אויפירונג פון דעם געפאַנגענעם, און זיי האָבן קנאַפּ געהאַפּט, אַז ער וועט ענדערן זיין שטעלונג.

דאָך האָט סטאַלין דורך זיין איבערזעצער געבעטן דעם געפאַנגענעם, ער זאָל זיך אַוועקזעצן אנטקעגן אים...

סטאַלין האָט ווי מיט אַ גוטמוטיקן בליק באַטראַכט דעם געפאַנגענעם גענעראַל און האָט אין זיינע אויגן איינגעזען, אַז יענער באַטראַכט אים, סטאַלינען, מיט אַן אויפריכטיקן אינטערעס, מיט נייגעריקייט און אַן שרעק אין זיינע טיף פאַרזונקענע אויגן.

יאָ, דער געפאַנגענער האָט געקוקט מיט גרויס אינטערעס אַף דעם גרויזאַמען גענעראַליסימוס, וועמענס נאָמען האָט אין דייטשלאַנד אַרויסגערופן אַלץ מער פאַרטייטעטע שרעק: זיין געשטאַלט האָט מיט זיך פאַרשאָטנט היטלערס... סטאַלין האָט מיט ניט געיילטע באַוועגונגען אַרויסגעקראָגן זיינע פּאַפּיראָסן „גערצעגאָווינאַ פלאָר" און איבערן טיש אונטערגעטראָגן דאָס אויפגעמאַכטע שאַכטל דעם גענעראַל.

דער געפאַנגענער האָט, קווענקלענדיק זיך, געענטפערט, אַז ער רייכערט שטענדיק נאָר סיגאַרעטן.

— אויב אַזוי, — האָט סטאַלין, שמייכלענדיק, געזאָגט צום גענעראַל אַנטאָנאָוו, — וועט איר, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, מעכאַבעד זיין דעם גענעראַל מיט אייערע „באַרימטע" אַמעריקאַנער סיגאַרעטן!

דער גענעראַל אַנטאָנאָוו האָט, אויך שמייכלענדיק, אַוועקגעלייגט פאַרן געפאַנגענעם זיינע סיגאַרעטן, שוועבעלעך, געבעטן אים פאַררייכערן. אַלע האָבן פאַררייכערט.

טראָץ זיין ווילן, האָט דער געפאַנגענער ניט געקאָנט אָפּווענדן זיין בליק פון סטאַלינען. דעם גענעראַליסימוס' געדיכטע האָר אַפן קאָפּ, די ברעמען און די וואָנצעס, זיין מידער אויסזען און האַלב-פאַרמאַכטע אויגן האָבן אים צוגעגעבן דעם אָנבליק פון אַ דרעמלענדיקן לייב...

— הער גענעראַל, — האָט סטאַלין, ווייך ציִענדיק די ווערטער, אַרויסגעבראַכט, — די געשפּרעכן, וועלכע עס האָבן מיט אייך דורכגעפירט דער אַרמיי-גענעראַל טשערניאַכאָווסקי און זיינע שטאַב-גענעראַלן, האָבן געדויערט קימאַט צוויי שאָ און ניט געבראַכט צו קיין שום רעזול-

טאטן. מײַן אויסערסט באַגרענעצטע צײַט דערלויבט מיר ניט אויסברײַטערן זי צוליב ווידער פירן אויסזיכטלאָזע געשפּרעכן. מיר לייגן אײַך פאָר, איר זאָלט זיך באַטראַכטן און מאַכן פאַר זיך א רעאַלן אויספיר. וואָס מיר פאָדערן פון אײַך, איז אײַך באַוווּסט. נעמענדיק אין אכט, אין וואָס עס גייט, קאָנען מיר אײַך אויסטיילן צײַט צו מאַכן פאַר זיך אַן אויספיר אמערסטן איין שאָ. אויב איר וועט פאַר אָט דער צײַט ניט גרייט זײַן צו ענטפערן אַף אונדזערע פראַגעס, וועט איר מיך צווינגען, הער גענעראַל, איך זאָל אײַך איבערגעבן אין רעשוס פון אונדזער מיניסטער פון אינערלעכע איניאָנים...

אַף דעם געפאַנגענעמס פּאָנעם האָט זיך אָנגעצויגן א טיפע פאַרלוירנקײַט. איצט האָט ער ענדגילטיק פאַרשטאַנען, אז ער שטייט פאַר דעם פאַטאַלן אויסוואַל: אָדער ער וועט מוזן אויסגעבן זײַנע קעגנער די וויכטיקסטע מיליטערישע סעקרעטן, אָדער מע וועט אים איבערגעבן דעם אינערן-מיניסטעריום.

— אויב דער הער גענעראַליסימוס וועט מיר דערלויבן, וועל איך ענטפערן אַף דעם, וואָס ס'איז מיר פאָרגעלייגט געוואָרן, — האָט דער געפאַנגענער מיד אַרויסגעבראַכט.

סטאַלינס אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

— איך בעט נעמען אין אכט מײַן איצטיקן צושטאַנד: נאָך א סאַך שלאָפלאָזע נעכט, און באַזונדערס נאָך די געשעענישן, וועלכע זײַנען מיט מיר פאָרגעקומען די לעצטע נאכט, בין איך פיזיש ניט אימשטאַנד אופצונעמען און באַגרײַפן דאָס, וואָס מע רעדט צו מיר. דעריבער בעט איך מיר דערלויבן אָפּרוען, קעדיי איך זאָל אײַנשטילן מײַנע ביז גאָר צערודערטע נערוון.

סטאַלין האָט אָפּגערופן דעם גענעראַל אנטאָנאָוו אין א זײַט, מיט אים שטיל גערעדט א מינוט צען.

דער גענעראַל אנטאָנאָוו האָט זיך אומגעקערט צום געפאַנגענעם, אים ווידער פאָרגעלייגט זײַנע סיגאַרעטן.

— דערלויבט, הער גענעראַל, אײַך באַגלייטן אין דעם אָפּרו-צימער, קעדיי איר זאָלט קריגן די מעגלעכקײַט זיך צוגרייטן צו אײַערע ענטפערס... די באַראַטונג פון אונדזער אויבער-קאָמאַנדשאַפט וועט זיך אָנהייבן 20 אזייגער. צו אָט דער צײַט וועלן פון מיזרעך-פרײַסן אָנקומען

די גענעראַלן טשערניאַכאָווסקי, באַגראַמיאַן און דער מאַרשאַל ראָקאָ־סאָווסקי. זיי זײַנען שוין אַרויסגעפלויגן. צו 19 אַזייגער מיט 50 מינוט קום איך אײַך אײַנלאַדן אויף דער זיצונג.

אליין מיט זיך

דער געפאַנגענער האָט אַ פּאָר מינוט באַטראַכט דעם אויסגעשטאַטן מיט באַקוועמלעכקײַטן, קאָמפּאָרטאַבעלנעם צימער. אויפן טיש זײַנען געשטאַנען פאַרשיידענע מינים עסנוואַרג און פרוכטן. ער האָט אַ מידער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ דיוואַן, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: „שוין זעקצן שאָ אין געפאַנגענשאַפט!״ אין זײַן מוח האָבן אָנגעהויבן שווינדלען געדאַנקען, אָנלויפנדיק איינע אויף די אַנדערע. פאַר די זעקצן שאָ האָבן די געשעענישן אַרום אים געבושעוועט ווי אַ הוראַגאַן, ניט געבנדיק קיין איין רויִקע מינוט צו באַטראַכטן די לאַגע, צו באַשטימען זײַן אויפפירונג. איצט איז ער אַליין מיט זיך. צוואַנציק אַזייגער שטייט אים פאָר... וואָס שטייט אים פאָר?.. אויסגעבן די וויכטיקסטע מיליטערישע פּלענער דעם קעגנער! צי וועט ער אויף אַזוינס אײַנגיין? צי וועט ער פאַראַטן זײַן פאָטערלאַנד?.. מיט שוידער אין האַרצן האָט ער געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זיך זעלבסט. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער ווידער בײַ זיך געפרעגט: „צי האָב איך אַן אויסוועג?״ נאָר אויף ביידע פראַגעס איז קיין ענטפער ניט געקומען.

„עס האַלט זייער שלעכט! — האָט אים געפּיבערט אין מוח.

„בראַוכיטש האָט מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן די קריג שוין פאַרשפּילט, און דער נערוועזער יעפרייטאָר פירט אונדז אַלץ ווײַטער צום אָפּגרונט! הײַנטיקן אָוונט נעם איך פאָר דעם ערשטן שריט צו אונדזער קאַפּיטולאַציע. יאָ, הײַנט!..״

פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי עמעצער האָט אים אַרײַנגעשריגן אין אויער אַרײַן: „פאַרע־טע־ער!..״ ער האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז לעבן אים ניט געווען. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ סיגאַרעט. און ווידער האָט ער דערהערט: „דו ווילסט ראַטעווען ניט דײַן פאָטערלאַנד, נאָר דײַן מינדערווערטיק לעבן!..״

ווען ער האָט באַנומען, אַז ער רעדט צו זיך אַליין, האָט אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס. ער האָט דערפילט, ווי דאָס פײַכטע העמד האָט זיך צוגעקלעפּט צו זײַן רוקן.

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן סאָװעטישן גענעראַליטעט

פּונקט 20 אַזײגער איז אין דעם גרױסן זאַל פֿון דער אױבער-קאָמאַנדשאַפֿט, אין דער באַגלײטונג פֿונעם גענעראַל אַנטאָנאָװ אַרײַנגעקומען דער געפֿאַנגענער גענעראַל.

אַרום דעם רונדן טיש זײַנען שױן געזעסן סטאַלין, װאַסיליעװסקי, ראָקאָסאָװסקי, טשערניאַכאָװסקי און באַגראַמיאַן.

די קרישטאָלענע ליוסטרעס האָבן געװימלט מיט זילבער-שטראַלן, שפּילעװדיק געבלענדט איבער די פּילצאָליקע אָרדענס און גאָלדענע שטערנס אױף די מונדירן פֿון די גענעראַלן. בלענדנדיקע פֿונקען האָבן געשפּריצט פֿון די בריליאַנטענע שטערנס אין די מאַרשאַלס שניפּסן.

אױף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אױסגעלײגט אַן אומרויִקע ערנסטקײַט. מע האָט געװוּסט, װאָס עס באַטײַט פֿאַר היטלערן אָנצװוערן פּרײַסן מיט די אונטערערדישע געװער-זאַװאָדן, מיטן סינטעטישן בענזין, מיט די לאַנדװירטשאַפֿטלעכע שפּײַז-פּראָדוקטן. און פֿון פּרײַסן פֿירן װעגן: אײנער — דורך מיזרעך-פּאָמעראַניע, דער צװײטער — דורכן באַלטישן אײַנגוס צום צענטער פֿון דײַטשלאַנד — קײן בערלין... מע האָט געװוּסט, װאָס פֿאַר אַ גרױסע קױכעס היטלער װעט קעגנשטעלן און אַז מילכאָמע טראָגט מיט זיך די געפֿאַר פֿון פֿאַרשפּילטע שלאַכטן. די גענעראַלן און מאַרשאַלן האָבן אװדע געטראַכט װעגן די רעזולטאַטן פֿון דער באַגעגעניש מיטן געפֿאַנגענעם גענעראַל, װעגן דעם, אַז פֿון זײַן אױפֿפֿירונג איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון הונדערטער טױזנטער לעבנס, פֿון מיליאַרדן מאַטעריעלע װערטן, װעלכע קאָנען פֿאַר אײן מעסלעס פֿאַרװאַנדלט װערן אין אַש. און איבער די אָנצאָליקע סאָלדאַטישע האַרוגים װעט הענגען דער צאַרן פֿון זײער פֿאַרשפּילטן געראַנגל, אױף זײער ניט דערגאַנגענעם װעג קײן קעניגסבערג.

דער געפֿאַנגענער גענעראַל האָט אױסגעזען קרענקלעך-בלאַס. אַ טײפֿער צער האָט געבלאָנדזשעט אַרום זײַנע אױסגעלאָשענע אױגן, איבער זײַן פֿאַרשטײנערטן פּאָנעם. פֿאַר אונדזערע פֿראָנט-קאָמאַנדירן זײַנען געלעגן טאָפּאָגראַפֿישע מיליטערישע קאַרטעס פֿון פּרײַסן.

דער גענעראַל אַנטאָנאָװ האָט אָנגעװיזן דעם געפֿאַנגענעם זײַן אָרט באַם טיש. פֿאַר אים איז אױך געלעגן די טאָפּאָגראַפֿישע קאַרטע פֿון פּרײַסן.

סטאַלין האָט שטיל זיך איבערגערעדט מיט די מאַרשאַלן וואַסיליעווסקין און ראָקאָסאָווסקין. אין דער אַבסאָליוטער שטילקייט האָט ער מיט זיין געוויינלעכער שטיל־געצויגענער אויסשפּראַך פאַרגעבן דעם געפאַנגענעם די ערשטע פראַגעס:

— הער גענעראַל! ענטפערט אונדז, ביטע, אָט אויף וואָס: אויף אוועלכער דאַטע — די נאַכט, די שאָ, און אויך די וואַריאַנטן, האָט איר פאַרפלאַנירט אייער קאָנטער־אָנגריף קעגן אונדזערע פראָנטן? ווי ס'איז אונדז באַוווּסט, — האָט סטאַלין פאָרגעזעצט, — באַשטייען די אַוואַנגאַרדן פון אייערע דורכרייס־קייכעס פון דער דריטער טאַנקען־אַרמיי, מיט וועלכער עס קאָמאַנדעוועט דער גענעראַל פרידריך ראַוס, פון דער פערטער טאַנקען־אַרמיי — קאָמאַנדיר גענעראַל גאָסבאַך, פון אייער זעקסטן לופט־פלאָט — קאָמאַנדיר גענעראַל ריכאַרד פאַבאַיאַן, פון דער גרופּע אַרמייען „צענטער“ — קאָמאַנדיר גענעראַל ריינהאַרדט, פון 8.200 האַרמאַטן און מינענוואַרפערס. ענטפערט, ביטע, צי האָט איר שוין איבערגעפּאַרמירט אין זייער פולן באַשטאַנד די לעבעדיקע און טעכנישע קוילעס פון די אָנגעוויזענע אַרמייען, וועלכע האָבן אין די פאַריקע שלאַכטן געליטן שווערע פאַרלוסטן? דערנאָך וועט איר באַווייזן אויף דער קאַרטע די הויפּט־ריכטונגען, וווּהין איר וועט אָנצילן אייערע טאַנקען־אַרמייען, אָוויאַציע און די ערשטע דורכרייס־עשעלאָנען קעגן אונדזערע קייכעס. — סטאַלין האָט, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון דעם געפאַנגענעם זיין היפּנאָטיזירנדיקן בליק, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, נאָר ניט פאַררייכערט.

האַגאַם דער געפאַנגענער האָט געקענט דערוואַרטן, אַז מע וועט בא אים פרעגן נעמלעך דאָס, וואָס מע האָט בא אים געפרעגט, איז ער אַזוי שטאַרק מעוווּלוול געוואָרן, אַז ער האָט אַ לענגערע צייט ניט געקאָנט ענטפערן. ווי מיט אַ בלייענעם מויל, האָט ער שטיל, נאָר דייטלעך אַרויסגעבראַכט:

— אונדזער קאָנטער־אָנגריף איז פאַרפלאַנירט געוואָרן קעגן אייערע באַוואָפנטע קרעפטן אויף אונדזער טעריטאָריע אויף 2 אַזייגער אָדער 4 אַזייגער, פון דעם 14 אויפן 15 יאַנוואַר. אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין געפאַנגענקייט וועט, וואַרשיינלעך, דער פּלאַן פון אונדזער קאָנטער־אָנגריף, ווי אויך די דאַטע, געענדערט ווערן.

— געענדערט ווערן קאָן די דאַטע פונעם פערצנטן אויפן פופצנטן יאַנוואַר אויף פריער צי אויף שפּעטער? — האָט ווידער סטאַלין געפרעגט.

— אַף פריִער איז אין אַלע פאַלן אויסגעשלאָסן, ווײַל די רעזערוון פון דער אויבער־קאָמאַנדשאַפט, וועלכע זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן פון דעם קורלאַנדישן האַלב־אינדזל, קאָנען אין קיין שום פאַל ניט אונטערקומען פריִער פונעם 14 יאַנואַר, — זײַנען די ווערטער ווי אַרויסגעפאַלן פונעם גענעראַלס פאַרשטאַרטן מויל.

— הער גענעראַל! — האָט זיך אָנגערופן דער מאַרשאַל וואַסילעווסקי. — פון וויפל צוגאָבלעכע קאָרפּוסן, בריגאַדעס און ספּעציעלע טיילן באַשטייען די אַרויסגעשיקטע אײַך רעזערוון, כוץ די אַרמייען, וועלכע עס האָט אָפּגעמערקט דער גענעראַליסימוס סטאַלין?

אין דעם געפאַנגענעמס מויעך האָט דורכגעשווינדלט: „איך מוז זיך אָפּשטעלן, איידער איך בין נאָך ניט צו ווײַט פאַרגאַנגען אין מײַן פאַראַט, איידער איך האָב נאָך ניט אויסגעגעבן די פּלענער, פון וועלכע ס'איז אָפּהענגיק אונדזער מעגלעכער זיג אָדער אונדזער מאַפּאָלע אַף די פּאָרפּאָסטן פון קעניגסבערג".

פון דעם דאָזיקן מאָמענט האָט אין אים איפּגעוואַכט א צושטאַנד, וועלכער האָט אים באַפרײַט פון דער געשפּאַנטקייט. ער האָט אין זיך דערפילט זײַן געוויינטע אַנטשלאָסנקייט...

פאַר זײַנע אויגן זײַנען אויפגעקומען רוסישע געפאַנגענע גענעראַלן, פון וועלכע ניט די געסטאַפּאָוצעס, ניט קאַלטענברונער האָבן נישט געקאָנט אַרויסציִען קיין וואָרט קעגן זייער פאָטערלאַנד.

באַזונדערס האָבן זיך ליוקענוואַלדערן פאַרגעדענקט די ווערטער, וועלכע עס האָט אַרויסגעבראַכט א סאָוועטישער גענעראַל צו זײַנע פײַניקער פאַר זײַן טויט: „ניט צוליב פאַראַטן מײַן פאָטערלאַנד בין איך געבוירן געוואָרן!..."

„אָט ווי ווירדיק עס דאַרף שטאַרבן א געפאַנגענער גענעראַל!" — האָט ער זיך אײַנגערעדט. „ניט צוליב פאַראַטן מײַן פאָטערלאַנד בין איך געבוירן געוואָרן!" — האָט ער, ווי ס'האָט זיך אים געדוכט, געדאַנקלעך, איבערגעכאַזערט דעם רוסישן גענעראַלס ווערטער. נאָר אונטערן דרוק פון זײַן נערוועזן סטרעס — זיי שטיל אַרויסגעבראַכט. און גלײַך האָט ער דערהערט, ווי סטאַלינס איבערזעצער האָט די ווערטער איבערגעזאָגט אַף רוסיש...

דעם גענעראַלס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט סטאַלינס... איצט האָט ער אין זײַן פּאָנעם דערזען א לייב, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אַף אים

א שפרונג טאָן... נאָר סטאַלין האָט ווידער שטיל צו אים זיך אָנגערופן:

— די דאָזיקע ווערטער האָט אין אײַער לאגער מאטהאוזען ארויסגעבראכט אונדזער גענעראל קארבישעוו אין לעצטן מאָמענט פון זײַן לעבן. ווען אײַערע הענקער האָבן אין א פראָסטיקן דרויסן אים באגאָסן מיט וואסער, קעדיי אים פארוואנדלען אין אײַז, האָבן זײַנע ווערטער געקלונגען אומשטערבלעך! אָבער אין אײַער לאגע רופן ארויס די זעלבע ווערטער א פוסטן עפעקט, הער גענעראל!

דער געפאנגענער האָט דערפילט א שטארקע הארצקלאפעניש. א טויט־כאלאָשעס האָט אים ארומגעכאפט. „דעם קריג האָבן מיר שוין פארשפילט!" — האָט ער דערהערט בראוכיטשס ווערטער. א שארפער ווייטיק האָט אים א שטאָך געטאָן אין הארצן. ער האָט אויסגעשטרעקט די ציטערנדיקע האנט צום גראפין. זי איז מאכטלאָז אראָפגעפאלן אפן טיש. אן אדיוטאנט האָט אײַליק אָנגעגאָסן אין א גלאָז נארזאן און צוגערוקט צו זײַן האנט. האלטנדיק זיך פאר דער ברוסט, האָט ליוקענוואלדער געקוקט אף דער גלאָז, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז זי דערווײַטערט זיך פון אים...

די ווימלדיקע מיט העלער שײַן ליוסטערס האָבן זיך פארדרייט פאר זײַנע אויגן אין א קרישטאָלענער קארוסעל און זײַנען צעשוואומען געוואָרן אין געלע פלעקן... ער האָט אָנגעהויבן אראָפזינקען אין א טיפער וויסטעניש.

עס וועלן פארגיין יאָרן, און דער מיליטערישער היסטאָריקער, פאָלקאָווניק לעווערקיון וועט באשרײַבן דעם פעלדמארשאל פאוליוסעס אָפּרוף וועגן דעם גענעראל־פאָלקאָווניק פאָן ליוקענוואלדערן:

„...דער גענעראל־פאָלקאָווניק פאָן ליוקענוואלדער איז געווען איינער פון די אָנשטענדיקסטע מענטשן צווישן די גענעראלן. אן איבערגעגעבענער ביזן לעצטן אָטעם זײַן פאָטערלאנד, אָבער ניט היטלערן, וועמען ער האָט קיינמאָל ניט אנערקענט אלס מיליטערמאן...

...דער גענעראל פאָן ליוקענוואלדער איז געווען איינער פון דער גרופע גענעראלן, וועלכע האָבן אקטיוו פראָטעסטירט קעגן דעם טעראָר מיצאד אונדזער ארמיי איבער דער פרידלעכער באפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער. באזונדערס קעגן די פארניכטונגס־אקציעס בנוגע די ייִדן... פאָן ליוקענוואלדער, דער גענעראל ווילהעלם בעק און דער פעלדמאר־

שאל מילך זײַנען געװען די איניציאַטאָרן פֿון א שריפטלעכער װענדונג פֿון א גרופּע אָנגעזעענע גענעראַלן צום פֿירער, אין װעלכער זײ האָבן אים געבעטן אָפּשאַפֿן די אומבאַרעכטיקטע און שענדלעכע פֿאַר דער דײַטשישער אַרמײ און פֿאַרן רײַך מערדערײַ איבער די ייִדן, „װעלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן א װערטפֿולן צושטײַער אין דער װעלט-ציװיליזאַציע, װי אױך אין דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער אַנטװיקלונג פֿון דער דײַטשישער קולטור אין אַלע געביטן. כּוח דעם, האָט דאָס יודנטום איבער גאָר דער װעלט פֿאַרשפּרײט די דײַטשישע שפּראַך"...

די װענדונג האָט איבערגעגעבן היטלערן דער גענעראַל כּװיזינגער — יעװא בראַונס א נאָענטער קאַרעװ, אַן אָפּטער אַרײַנגײער אין פֿירערס שטוב.

אַזױװי אַזעלכע װענדונגען האָט היטלער שױן באַקומען פֿון אָנגעזעענע געלערנטע, דערונטער פֿיזיקער, און די װענדונג איז ניט געװען די ערשטע פֿון הױכראַנגיקע גענעראַלן, װעלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער האַריגע פֿון אומשולדיקער ציװילער באַפֿעלקערונג, האָט היטלער דורכן גענעראַל כּװיזינגער אָפּגעשיקט די גענעראַלן אַן ענטפֿער, אין װעלכן ער האָט געשריבן:

„...צוליב די ייִדן קאָן די פּאַרטײ ניט ענדערן איר גרונט-פּאָליטיק... און איך בין ניט דער אײנציקער, װעלכער קאָן די פּראַגע לײזן: דער פּאַרטײ-פֿירער באָרמאַן, דער גאַולײטער ראָזענבערג, שטרײַכער, געבעלס, הימלער, קאַלטענברונער און א סך אַנדערע פּאָליטישע אָנפֿירער פֿונעם רײַך זײַנען קעגן דעם אָפּשאַפֿן די פֿאַרניכטונג פֿון די צװײ נידערטרעכטיקע פֿעלקער — ייִדן און ציגײַנער, פֿון װעלכע מע מוז רײן מאַכן די װעלט!" (מיליטערישער היסטאָריקער כאָרסט לעװערקױן. „פֿון דעם פֿעלדמאַרשאַל פּאַוליוסעס פּערזענלעכן אַרכיװ").

די באַראַטונג װערט פֿאַרגעזעצט

— מיר האָבן זיך דערװוּסט פֿונעם געפֿאַנגענעם ניט אַלץ, װאָס מיר האָבן זיך געדאַרפֿט פֿון אים דערװיסן, — האָט סטאַלין, קוקנדיק צום שעף פֿון דעם הױפּט-שטאַב, געזאָגט, — אָבער דערװוּסט האָבן מיר זיך פֿון אים װיכטיקס, אױב ניט זאָגן — דאָס װיכטיקסטע. פֿריִער פֿון דעם 14 אָפּן 15 יאַנואַר װעלן זײ ניט זײַן גרײט צום קאָנטער-אָנגריף קעגן

אונדזערע פראָנטן, — ער האָט א פיר געטאָן מיטן בליק איבער די פראָנט-קאָמאנדירן און אים ווידער אָנגעצילט אפן מארשאל וואסיליעווסקין. — און איך מיין, אז דער געפאנגענער האָט געזאָגט דעם עמעס.

— איך בין אויך בא אייער מיינונג, באווער סטאלין, — האָט דער מארשאל אנטשלאָסן אים געענטפערט. — לויט אלע אָנגאבן, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט דורך אונדזער קאָנטער-אויסשפּירונג, דורך די פּילצאָליקע „ציגנער" און פון אונדזער רעזידענט אין זייער שטאב, קאָנען מיר מאכן א פאראלגעמיינערטן אויספיר, אז פריִער פון דעם 14 יאנואר וועט ריינהארדט ניט גרייט זיין אונדז קאָנטראטאקירן.

— אויב אזוי, — האָט סטאלין זיך אָנגערופן, — דארפן מיר אָנהייבן אונדזער אָנגריף איידער זיי וועלן באקומען זייערע רעזערוון. איך מיין, אין דער נאכט פונעם 12 אפן 13 יאנואר. אלעקסאנדער מיכײלאָוויטש, לייענט אונדז דורך אייער פלאן צו אונדזער צווייטן גענעראלן אָנגריף קעגן זייערע קויכעס.

דעם מארשאלס אדיוטאנט, וועלכער איז געשטאנען הינטער אים, האָט אוועקגעלייגט אפן טיש א פאפקע און זי אופגעמאכט.

דער מארשאל איז אופגעשטאנען און אָנגעהויבן פון איר לייענען:

— כוץ זייערע נאָך ניט אונטערגעקומענע רעזערוון פון דער אויבער-קאָמאנדשאפט און פון דעם קורלאנדישן האלב-אינדזל, די צאָל פון וועלכע עס איז אונדז נאָך ניט באוווּסט, ווערן בא זיי היינט-צו-טאָג איבערגעפאָרמירט קויכעס, וועלכע וועלן אָנציילן בא 41 אינפאנטעריע-דיוויזיעס, 2 טאנקען-ארמייען. אין פוילן באשטאנד זיינען בא זיי שוין איבערגעפאָרמירט 4 מעכאניזירטע און 3 קאוואלעריסטישע קאָרפוסן. זיי האָבן היינט-צו-טאָג 800 טאנקען, 8 ארטילעריע-דיוויזיעס און 6 ארטילעריע-דיוויזיאָנען — 8.200 הארמאטן, 515 עראָפלאנען, פון זיי 360 פארניכטלער-באָמבארדירער, זיי האָבן א ברייטע נעץ אעראָדראָמען, איבערגענוג סינטעטישן בענזין. לויט נאָך ניט קיין פארפינקטלעכטע יעדיעס, וועלכע עס האָט אונדז איבערגעגעבן דער רעזידענט, קלייבן זיי זיך ארויסשטעלן קעגן אונדז זייער „ניי געווער" — די פאוסט-ראקעטעס, וועלכע זיי האָבן אויסגעפּרוּווט אף לאָנדאָן... זיי פאסן צו די ראקעטעס צו די פעלד-שלאכטן... אויב דעם רעזידענטס פארדאכט וועט זיך באשטעטיקן, וועלן זיי אונדז אונטערטראָגן זייער א שלעכטן סיורפריז.

מיט די אויבנדערמאָנטע קויכעס זייערע און מיט די אונטערגעקומענע

רעזערוון קלײַבן זײ זיך קאָנטראַטאַקירן אונדזערע פֿראָנטן אױף דער איסטענבורגער ריכטונג, כּדי צו באַשיצן זײערע צענטראַלע שטעט און האַפֿנס: גאַמביניען, װעלאַו און קעניגסבערג.

אינעם באַלטישן ים קורסירן זײערע פֿלאָטיליעס און אונטערװאַסער-שיפֿן, כּדי פֿאַרצױמען דעם װעג אונדזער באַלטישן פֿלאָט, װעלכער פּרוּװט זיך דורכרײַסן פֿון דעם פֿינישן אײַנגוס צו די פּרײַסישע ברעגן... איבּ מיר װעלן אָפּגעבן אַ באַפֿעל דעם באַלטישן ים-פֿלאָט זיך דורכרײַסן דורכן באַלטישן ים צו די פּרײַסישע ברעגן, דאַרפֿן מיר גרייט זײַן צו שװערע פֿאַרלוסטן פֿון אונדזערע ים-קרײַכעס. מיר לײגן פֿאָר דערװײַל טרינקען זײערע שיפֿן דורך אונדזער אװיאַציע.

די פֿאַשיסטישע באָנזעס — געריגג, גודעריאַן, װײס, גראָס-אַדמיראַל דעניץ, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פֿון פּרײַסן קאָך און אַנדערע פֿאַרמאָגן אין פּרײַסן גרױסע רײַכטימער: לאַנדװירטשאַפֿטלעכע און װאַלדגיטער, אינדוסטריעלע און געװער-זאַװאָדן און אַנדערע אונטערנעמונגען. מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין זײער רעשוס געפֿינען זיך מיטלען, כּדי פֿאַרטײדיקן ניט נאָר זײער פֿאָטערלאַנד, נאָר אױך זײערע גרױסע פֿאַרמעגנס.

די פּרײַסישע פֿראָנט-ליניעס ציִען זיך אױף 550 קילאָמעטער אין דער לענג. אױף 150 קילאָמעטער ציִען זיך אין דער טיף פֿון פּרײַסן זײערע שוץ-ליניעס: פֿעסטונגען, מיט בעטאָן-שטאָלענע באַסטיאָנען. אױף אַ מעהאַלעך פֿון 100 מעטער אײנע פֿון די אַנדערע — דורכױסיקע אַמבראַזורעס, דאָטן און דזאָטן. זײערע גאַרניזאָנען זײַנען באַשיצט הינטער די װענט פֿון פֿעסטונגען און באַסטיאָנען. אונדזערע קרײַכעס װעט אױסקומען גײן דורך אָפֿענע פֿעלדער. כּדי ליקװידירן זײערע גאַרניזאָנען, װעלן אונדזערע דאַרפֿן ברעכן זײערע שטאַרק פֿאַרפֿעסטיקטע פֿאָרטיפֿיקאַציע-ליניעס. אָבער אָנגרײַפֿן װעלן אונדזערע קרײַכעס אַהינטער די טאַנקען נאָך דעם, װי אונדזער אַװיאַציע און אַרטילעריע װעלן שטורעמען זײערע פֿאַרפֿעסטיקטע ליניעס. מיר שטעלן זײ קעגן אַ סך מער פֿון זײערע לעבעדיקע און טעכנישע קרײַכעס. אונדזערע מיליטער-קרײַכעס שטײַגן איבער זײערע קימאַט אין צװײ מיט אַ האַלבן מאָל.

קעגן זײערע 800 טאַנקען שטעלן מיר אַרױס 3.200 טאַנקען, קעגן זײערע 515 עראָפּלאַנען שטעלן מיר אַרױס אונדזער ערשטן, אַכצנטן און אַ טײל פֿון דעם צװײטן לופֿט-פֿלאָטן: 3.000 עראָפּלאַנען און דעם

פאַלק „נאַרמאַנדיע—ניעמאַן". קעגן זייערע 8.200 האַרמאַטן און מינען-וואַרפערס שטעלן מיר אַרויס אונדזערע 29.200 האַרמאַטן און אַלס אַ צוגאָב 1.200 „קאַטיושעס". פון די בערלינער רעזערוון טיילן מיר אויס פאַר פרייַסן 210 פאָנטאָן-בריקן (אַלע אָנגאַבן זייַנען גענומען פון דעם ערשטן און פינפטן בענדער פון דער „געשיכטע פון דער פאָטערלענדי-שער מילכאָמע", פון דעם גענעראַל מ. גאַליצקיס צוויי בענדער און פון אַנדערע קוואַלן).

דער מאַרשאַל וואַסיליעווסקי האָט פאָרגעזעצט:

— אונדזער ציל איז צעגראָמירן זייער צענטראַלע גרופע אַרמייען, פאַרכאַפן די וויכטיקסטע האַפנס, דורך וועלכע זיי באַקומען רעזערוון. אַרויסגיין צום באַלטישן יאַם אַף דער ריכטונג מאַריענבורג—קעניגס-בערג; מיט אַלע קויכעס אָנגרייַפן אַף דעם צענטער פון זייערע אַרמייען, מיט וועלכע עס קאָמאַנדעוועט ריינהאַרדט. אַף דער צענטראַלער ריכטונג וועט אַף ריינהאַרדטן אָנגרייַפן דעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקיס דריטער ווייַסרוסישער פראָנט. דער ערשטער בייַבאַלטישער פראָנט אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון דעם גענעראַל באַגראַמיאַנען וועט שטורעמען בי-שכיינעס מיטן דריטן ווייַסרוסישן פראָנט לענגויס דעם לינקן ברעג פון דעם טייַך ניעמאַן און אַף פאָנטאָן-בריקן אים פאָרסירן. דער צווייטער ווייַסרוסישער פראָנט אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון דעם מאַרשאַל ראָ-קאָסאָווסקין וועט שטורעמען אַף די ריכטונגען פון די שטעט טילזיט, מאַריענבורג, וועלאַו, אַף דער ריכטונג צו קעניגסבערג. פאַרכאַפן די שטעט דאַרקעמען, גאַמביניען, פילאַו, נאָכן אייַנעמען די אָנגעוויזענע שטעט וועלן אַלע דרייַ פראָנטן גיין אַף קעניגסבערג.

אָפּטרעטנדיק, רייַסן זיי אויף די בריקן און דאָס אייַז פון די טייַכן. עס וועט אויסקומען דורך פאָנטאָן-בריקן פאָרסירן אַ סאַך טייַכן: נאַרעוו, ניעמאַן, ווייַסל, אינסטער, ראָמינטע, פרעגעל, דיימע, אַנגעראַפּפּ.

הייַנט-צו-טאָג האָבן מיר צו די פראָנטן פון מיזרעך-פרייַסן צוגע-שטעלט באַ 100 עשעלאָנען מיט מיליטער-קויכעס, טאַנקען, סנאַריאַדן, אוויאַבאָמבעס, אַלע מינים געווער, ברענשטאָף, שפייַז-פראָדוקטן, מעדי-קאַמענטן און אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן. אונדזערע 92 דיוויזיעס, וועלכע האָבן אין די פאַריקע שלאַכטן געטראָגן שווערע פאַרלוסטן, זייַ-נען אויסגעקאָמפּלעקטירט אין זייער פולן באַשטאַנד. צו אַלע אַרטילע-ריסטישע פאָזיציעס פון די פראָנטן זייַנען צוגעשטעלט געוואָרן נייַן

מיליאָן סנאַריאַדן. צו די אַעראָדראָמען — פיר מיליאָן אַוויאַבאָמבעס. אויף די פראָנטן קורסירן טאָג און נאַכט 40.000 פּראַכט־אויטאָמאַשינען, צו־שטעלנדיק דעם מיליטער אַלץ, וואָס ס׳איז נייטיק צום צווייטן שטורעם־דורכרײַס.

230 פעלד־האָספּיטאַלן זײַנען גרייט אויפצונעמען פאַרווונדעטע און קראַנקע.

איצט האָב איך אַ וויכטיקע ווענדונג צום גענעראַל גאָוואָראָוו, צום גענעראַל אַרכיפּאָוו און צו די שעפן פון די פראָנט־קאָנטר־אויסשפּירונגען: טאָג און נאַכט לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פון דעם סוינעס פּאָזיציעס, עס זאָל זיך ניט טרעפן, זיי זאָלן אין דער נאַכט פון אונדזער אַרטילעריסטישן שטורעם אָפּציִען זייערע כאַיאַלעס אויף אַ 40 קילאָמעטער און מיר זאָלן אונדזערע נײַן מיליאָן סנאַריאַדן אויסשיסן אויף זייערע קוסטעס און מע־כאַניש־באַוועגלעכע מאַקעטן, וועלכע זיי וועלן אַרויסשטעלן אין זייערע אָקאָפּעס...

— איך האָב מײַן אָנגריף־פּלאַן פאַרענדיקט! — האָט דער מאַרשאַל פאַרמאַכט די פּאַפּקע.

— הײַנט איז דער נײַנטער יאַנוואַר, — האָט סטאַלין מיד אַרויסגע־בראַכט און פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס. — דעם צווייטן שטורעם־דורכ־רײַס הייבן מיר אָן פון דעם אַרטילעריסטישן און אַוויאַציע־אָנפאַליִען, אין דער נאַכט פון דעם 12 אויף דעם 13 יאַנוואַר.

די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט בײַ זעקס אינדערפרי. האַלב אַכט זײַנען די קאָמאַנדירן פון די פראָנטן אַרויסגעפלויגן קיין פראָנט.

ווען סטאַלין האָט זיך געקליבן גיין אָפּרוען, איז זײַן ראַדיסט אַרײַנ־געלאָפן מיט אַ דעשיפרירטער טעלעגראַם צו אים.

„די געסטאַפּאָ האָט פאַרכאַפּט דעם רעזידענט וואַלדאַפן און זײַנע צוויי אַגענטן... זיי אַרויסגעפירט קיין בערלין, צו קאַלטענברונערן!..״

דער צווייטער שטורעם

— אַזוי ווי דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם אַרטילעריסטישן פײַער, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען אַלע אַרטילעריסטן, גיב איך אײַך דאָס וואָרט, — האָט אַלעקסאַנדער וועניאַמינאָוויטש מיר פאַרגע־לייגט דערציילן.

— דעם 12 יאַנואַר איז איבער די שלאַכטפעלדער פון ביידע קעגנשטייענדיקע צדדים געפאַלן אַ געדיכטער שניי. דעם הימל האָט מען ניט געזען. צו 17 אַזייגער איז ווי צוגעפאַלן די נאַכט. אָט אין דער כאַשכעס האָבן אונדזערע אַנגעהויבן אונטערצוציִען די גאַנצע אַרטילעריע נאָענט צו דער נייטראַלער ליניע. 29.200 האַרמאַטן פון אַלע סיסטעמען און קאַליבערן האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ שאַכמאַט-אָרדענונג: 240 האַרמאַטן אויף איין קוואַדראַטן קילאָמעטער, צו יעדער האַרמאַט — 308 סנאַריאַדן.

דער שטורעם איז אָנגעמערקט געוואָרן צו 3 אַזייגער, דער סיגנאַל — געלע ראַקעטעס. איבער די שלאַכטפעלדער איז געהאַנגען, אַן אָנגעלאָדענע מיט אומרו, טויבע שטילקייט. דער שניי איז זיך רויִק געפאַלן אויף די דערוווּיל נאָך קאַלטע האַרמאַטן. די אַרטילעריסטן האָבן, ווי געווייןלעך, זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטלעך, געלאַכט... וועגן וואָס טראַכטן סאָלדאַטן ערעוו אַ הוראַגאַנישן שטורעם, וועלכער וועט אויסלעשן אַזוי פיל לעבנס? פאַרוואָס לאַכט מען אַזויפיל אויף די פאָדערשטע שלאַכט-ליניעס? ווייסן דען ניט די סאָלדאַטן, אַז מילכאָמע טראָגט מיט זיך טויט? האָבן זיי דען ניט געזען קיין הרוגים אַרום זיך? דער מענטש גלייבט אַזוי שטאַרק אין זיין לעבן, אַז זיין טויט איז פאַר אים ווי ניט רעאַל, ניט נאַטירלעך...

אָבער צי פילט ניט קיינער אויף מילכאָמע זיין נאָענטן טויט? אוי, ווי דער סאָלדאַט פילט דעם סאָף פון זיין לעבן! איך האָב דאָס צוגעזען אויף די פּנימער, אין די אויגן פון סאָלדאַטן, וועמען ס׳איז באַשערט געווען דער גיכער טויט. איך האָב איבער זיך ניט געזען זיינע שוואַרצע פליגל — בין איך געווען „זיכער" פאַר מיין לעבן. ריכטיקער: כ׳בין געווען גלייכגילטיק צום טויט.

געלע ראַקעטעס!

אין איין רעגע האָבן אויפגעציטערט, זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און צוריק אַלע אַרטילעריסטישע סיסטעמען. פון די ערד האָט זיך לייכט אָפּגעטיילט אַ גרויס דאַמפּל — זיך אַרויסגעקייקלט אַ קנויל פייער, און ערשט דערנאָך האָט זיך צעדונערט דער זאַלפּ פון די 29.000 האַרמאַטן. אַלע 20 סעקונדעס — אַ דונער! די פליִענדיקע פון די „קאַטיושעס" בלענדיק-שטאַלענע ראַקעטעס האָבן העל באַלויכטן דעם שוואַרצן הימל. קעדיי אָריִענטירן די דיוויזיאָנען אין די פאַרשיידענע ריכטונגען, וווּהין

זיי זאָלן צילן דאָס פּײַער, האָבן אונטערן באַלויכטענעם הימל זיך אָנגעהויבן ציִען טראַסיר-סנאַריאַדן פון אַלע פאַרבן: בונט-רויטע, העל-אָראַנזשעווע, ליכטיק-געלע, העל-בלויע, ווײַסע, שוואַרצע.

און שטעלט אײַך פאָר, אַז אָט אין דעם בונטפאַרביקן הוראַגאַן איז מיר געקומען אין געדאַנק: „ווי שיין עס זעט אויס די פילפאַרביקע באַנאַכטיקע אילומינאַציע!"

אך, מענטש. מענטש!.. וואָס קומט דיר אפן זינען אין אַזאַ שוידערלעכער פאַרטיליקונגס-נאַכט, ווען טויזנטער נעפּאַשעס הויכן אויס זייער לעצטן אָטעם, ווען דו אַליין הענגסט צווישן לעבן און טויט! וועגן שיינקײַט טראַכסטו איצט?.. אָבער טוט אַליין א קוק: אין דעם העל-באַלויכטענעם סאַמעט-שוואַרצן הימל טוקן זיך דרעמלענדיקע שטערן... און אף דעם פאָן פון דער פאַרכאַלעמטער פּאַנאָראַמע שווימט א בונטפאַרביקער פײַערווערק... איז וואָס איז אַזוינס טויט, אויב די שיינקײַט לעבט אפילע דאָן, ווען ער געוועלטיקט אַרום איר?

דעם 13 יאַנוואַר, בא זעקס אינדערפרי, זײַנען אוועק אין אָנגריף אונדזערע טאַנקען. נאָך זיי — די פּעכאָטע. פאַר 12 מעסלעס שלאַכטן האָבן מיר פאַרכאַפּט א סאַך שטעט, צווישן זיי די ברענענדיקע פון אַלע זײַטן שטאָט גאַמביניען. אָבער אונדזערע האָבן זיך געריסן פאָרויס און פאַרכאַפּט אינסטערבורג, לאַביאַו, דאַרקעמען, טרויבורג, בענגיים און נאָך 755 יישווים. נאָכן פאָרסירן פיר טײַכן — נאַרעוו, דיימע, פּרעגעל, אַנגעראַפּ — זײַנען אונדזערע דרײַ פראָנטן פון אַלע זײַטן צוגעגאַנגען צו קעניגסבערג און אַרומגערינגלט די שטאָט-פעסטונג, זי בלאָקירט. אונדזער אוויִאַציע און אַרטילעריע פון די דרײַ פראָנטן האָבן אָנגעהויבן שטורעמען מיט סנאַריאַדן די שטאָט.

נאָך דער מילכאָמע וועט דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון דער קעניגסבערגער פעסטונג גענעראַל לאַש אין זײַנע מעמואַרן שרײַבן:

„...פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג פון אונדזער בלאָקאַדע האָבן מיר ניט געהאַט דעם מינדסטן שאַנס צו ענדערן אונדזער האָפענונגסלאָזע לאַגע. מיר זײַנען געווען פאַרורטיילט אין אונדזער פּערספּעקטיוולאָזן געראַנגל...

מע דאַרף אַנערקענען, אַז דער קעגנער האָט ניט געשטרעבט אונדז ליקווידירן אין אונדזער איזאָליאַציע, הагאַם ער האָט אַזאַ מעגלעכקײַט געהאַט. פאַרקערט: פון דעם ערשטן טאָג פון אונדזער פולשטענדיקער

בלאָקאַדע האָבן די רוסן דורך ראַדיאָ-הויכרײדער און דורך פֿלוגבלעט-לעך אונדז פֿאַרגעלייגט: „סאָלדאַטן און אָפֿיצערן פֿון דעם בלאָקירטן קעניגסבערגער גאַרניזאָן! שטעלט אָפּ אײַער פּערספּעקטיוולאָזן ווידער-שטאַנד! פֿאַרגיסט ניט אײַער בלוט אין אומזיניקן קאַמף!"

אָט דער אויפֿרוף איז געווען אַ באַרעכטיקטער און אויך אַ הומאַנישער.

אין זײַנע מעמואַרן האָט דער גענעראַל לאַש געשריבן ריינעם עמעס.

וואָדע האָט אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט ניט געשטרעבט צו ליקווידירן דעם בלאָקירטן קעניגסבערגער גאַרניזאָן. אָבער זי האָט ניט געוואָלט אין אַזאַ גרויסער, ברענענדיקער שטאָט זיך פֿאַרפֿירן מיט גאַסן-שלאַכטן.

קאַפּיטולאַציע!

דעם נײַנטן אַפּרעל בײַ צען אַזייגער אין אָונט זײַנען אונטער אַ ווײַסן פֿלאַג אַף אונדזער זײַט אָנגעקומען צוויי פּאַרלאַמענטיקעס, — כעפּקע און קערווין. דער צווייטער האָט גערעדט אַף רוסיש. מע האָט זיי אָפּגעפֿירט אין שטאַב פֿון דער 11-טער אַרמיי, מיט וועלכער עס האָט קאָמאַנדעווע‍ט דער גענעראַל גאַליצקי.

— ווער האָט אײַך באַפֿולמעכטיקט צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אײַער קאַפּיטולאַציע? — האָט דער גענעראַל בײַ זיי געפֿרעגט.

די פּאַרלאַמענטיקעס האָבן אים איבערגעגעבן אַ פּאַרכאַסמעטע מיט שטעמפּלען און געשריבענע אַף רוסיש ווענדונג צו אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט פֿונעם קאָמענדאַנט פֿון דער קעניגסבערגער פֿעסטונג גענעראַל וויל-העלם לאַש. דער גענעראַל האָט געבעטן אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט, זי זאָל דרינגענד אַרויסשיקן פּאַרלאַמענטיאָרן צו אַרומריידן די באַדינגונגען פֿון דער קאַפּיטולאַציע.

אין סאָף פֿון דער ווענדונג האָט דער גענעראַל לאַש מיט פּאַשטעטע ווערטער צוגעשריבן: „אום גאָטעס ווילן! הערט אויף צו באָמבאַרדירן אונדזער ברענענדיקן גאַרניזאָן! איך בעט אײַך, גיט אונדז די מעגלעכ-קײַט צו באַערדיקן אונדזערע פֿילטויזנטיקע געפֿאַלענע!.."

דער גענעראַל גאַליצקי האָט טייקעף אָנגעקלונגען צום מאַרשאַל וואַ-סיליעווסקי (ער האָט פֿאַרביטן דעם געפֿאַלענעם גענעראַל טשערניאַ-כאָווסקי), אים איבערגעלייענט די ווענדונג און די ביטע פֿונעם גענעראַל לאַש.

דער מאַרשאַל האָט גלײַך באַפֿױלן דעם גענעראַל גאַליצקין: „דרינגענד גיט אָפּ אַ באַפֿעל, די אַרטילעריע און אַוויִאַציע פֿון אײַער אַרמיי זאָלן אויפֿהערן באָמבאַרדירן קעניגסבערג! — און צום גענעראַל פּאָקראָווס-קין: — גיט איבער דורך ראַדיאָ אַ באַפֿעל צו אַלע שטאַבן: פֿון אָט דער מינוט אויפֿהערן באָמבאַרדירן און באַשיסן קעניגסבערג! די פֿאַשיסטן קאַ-פּיטולירן!"

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָכן אָפּשטעלן אונדזער פֿײַער האָט דער מאַרשאַל וואַסיליעווסקי באַפֿוילן דעם גענעראַל גאַליצקין:

— שיקט דרינגענד אַרויס צוויי פּאַרלאַמענטיאַרן און אַן איבערזעצער צום קאָמענדאַנט פֿון דער קעניגסבערגער פֿעסטונג, באַפֿולמעכטיקטע פֿון אונדזער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט, צו אַרומריידן זייער קאַפּיטולאַציע! גיט אונדזערע פּאַרלאַמענטיאַרן די געדרוקטע אין דער דײַטשישער שפּראַך אָנווײַזונגען.

אין אונדזער מעמאָראַנדום איז געזאָגט געוואָרן:

„...1) אַ פֿולע, אָן באַוואָרענישן קאַפּיטולאַציע! אײַערע גענעראַלן, אָפֿיצערן און סאָלדאַטן דאַרפֿן אין קאָלאָנעס, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון עלטערע לויטן ראַנג אָפֿיצערן, טראָגנדיק פֿאָרויס פֿון די קאָלאָנעס ווײַסע פֿלאַגן, אָנקומען אין די אָנגעוויזענע דורכלאָז-פּונקטן, וווּ זיי וועלן אַנט-וואָפֿנט ווערן מיצאַד אונדזערע מיליטערישע פֿאָרשטייער.

2) מיר גאַראַנטירן דאָס לעבן אַלע גענעראַלן, אָפֿיצערן און סאָלדאַטן, וועלכע וועלן פֿרײַוויליק אַוועקלייגן דאָס געווער. מיר גאַראַנטירן אַלע-מען, אַז זיי וועלן זיך אומקערן נאָך דער מילכאָמע אהיים, אָדער, לויט זייער פֿאַרלאַנג, אין אַן אַנדער לאַנד.

3) די אוניפֿאָרמעס און מיליטערישע באַלוינונגען בלײַבן בײַ די גע-פֿאַנגענע.

4) זייערע פּערזענלעכע זאַכן, ווי אויך ווערטפֿולע, ווערן בײַ די גע-פֿאַנגענע ניט רעקווירירט.

5) מיר גאַראַנטירן אַלע פֿאַרוווּנדעטע און קראַנקע דרינגענדע קוואַלי-פֿיצירטע מעדיצינישע הילף".

אונדזערע פּאַרלאַמענטיאַרן בעראָש מיטן פּאָלקאָווניק פּאַוועל יאַנגאָוו-סקי, דעם קאַפּיטאַן איוואַן פֿעדאָרענקאָ און דעם קאַפּיטאַן מאָיסיי שפּי-טאָלניק אַלס איבערזעצער זײַנען אונטער אַ ווײַסן פֿלאַג איבערגעגאַנגען די פֿראָנט-ליניע און מע האָט זיי אָפּגעפֿירט צום גאַרניזאָן-נאַטשאַלניק

גענעראַל לאַש. די דײַטשישע פּאַרלאַמענטיאָרן האָט מען דערוויַיל פאַר־האַלטן אַף אונדזער זײַט.

אין צוויי שאָ ארום האָבן זיך אונדזערע פּאַרלאַמענטיאָרן בעשאָלעם אומגעקערט. זיי האָבן געבראַכט אַן אונטערגעשריבענע פון דעם גענעראַל לאַש האַסקאָמע אַף אַלע פּינקטן פון אונדזער אולטימאַטום:

„...1) איך, דער קאָמענדאַנט פון קעניגסבערגער גאַרניזאָן גענעראַל־פּאַלקאָווניק פון אינפאַנטעריע ווילהעלם לאַש, נעם אָן פולשטענדיק אײַער אולטימאַטום צו אונדזער פולקומער און ענדגילטיקער קאַפּיטוליאַציע לויט אַלע אײַערע פּונקטן. פון דעם מאָמענט, ווי אײַערע באַוואָפנטע קרעפטן האָבן אופגעהערט באַמבאַרדירן אונדזער גאַרניזאָן, האָבן מיר מיט אונדזער ווידערשטאַנד פאַרענדיקט.

2) פון 6 אזייגער אינדערפרי דעם 10 אַפּרעל וועלן אונדזערע קאָלאָ־נעס אונטער דער אָנפירונג פון אָפיצערן, טראָגנדיק פאָרויס ווײַסע פלאַגן, אָנהייבן דעם איבערגאַנג אין געפענקעניש צו אײַער קאָמאַנדשאַפט, אָפּ־געבנדיק אַף די אָנגעוויזענע אין אײַער אולטימאַטום פּונקטן זייער געווער.

גענעראַל־פּאַלקאָווניק פון אינפאַנטעריע ווילהעלם לאַש. דעם 10 אַפּ־רעל 1945, פיר אזייגער אינדערפרי".

פונעם קעניגסבערגער גאַרניזאָן האָבן זיך איבערגעגעבן אין אונדזער געפאַנגענשאַפט: 64 גענעראַלן, 296 פּאַלקאָווניקעס, בא 2000 אָפיצערן, 57.642 סאָלדאַטן, פון זיי 1.400 פאַרווונדעטע סאָלדאַטן און אָפיצערן (פאַר אונדזער באַמבאַרדירונג קעניגסבערג האָט דער גאַרניזאָן אָנגע־ציילט 130.000 סאָלדאַטן און אָפיצערן).

די עסעס־טיילן, וועלכע זײַנען ניט געווען אונטערגעאָרדנט דעם קאָ־מענדאַנטס קאָמאַנדשאַפט, האָבן פאָרגעזעצט דעם ווידערשטאַנד. אָבער ס'האָט זיי שוין, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געהאָלפן...

אונדזער מיליטער האָט פאַרכאַפּט א גרויסע צאָל טראָפייען: א סאַך קוילנוואַרפערס, אווטאָמאַטן, בענזין, 3.600 אווטאָמאָבילן, 230 אעראָ־פּלאַנען, 280 טאַנקען, מער פון 3.000 האַרמאַטן און מינענוואַרפערס.

— ווען מיר האָבן אײַנגענומען בערלין, — האָט אַלעקסאַנדער וועניא־מינאָוויטש געזאָגט, — האָבן אונדזערע טשעקיסטן אין דער בערלינער געסטאַפּאָ געפונען אין די צעטלען פון די אופגעהאַנגענע דעם געוועזענעם אַגענט אונדזערן דאַוויד שקאָלניקן און זײַנע צוויי געהילפן, דײַטשן־אַנטיפאַשיסטן — קאַרסט שפּיידעל און וואַלטער גרעפּע...

דעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקיס טויט

— איך האָב אײַך צוגעזאָגט דערציילן וועגן די אומשטאַנדן, אין וועלכע ס'איז אומגעקומען דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי, — האָט אַלעקסאַנדער וועניאַמינאָוויטש פֿאַרגעזעצט. — ווער איז געווען דער ייִנגסטער פֿון אַלע אַרמיי־גענעראַלן, דער אַכט־און־דרײַסיקיאָריקער איוואַן דאַנילאָוויטש טשערניאַכאָווסקי?

איר האָט דאָך אים געזען, דעם שוואַרצכיינעוודיקן קראַסאַוועץ! און איר ווייסט אויך, אַז ער איז געווען דער ליבלינג פֿון אַלע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן פֿון אונדזער פֿראָנט. און איר געדענקט דאָך געוויס, ווי זײַן טויט האָט אופֿגעטרייסלט אַלעמענס הערצער! וויפֿל טאַלאַנט פֿון אַ פֿאָלקנפֿירער, וויפֿל געלונגענע סטראַטעגישע אָפּעראַציעס, וויפֿל געוווּנענע שלאַכטן, וויפֿל ניצחונעס האָט ער געדאַרפֿט אָפּהאַלטן איבערן פֿאַשיזם, אַז ער זאָל צו זײַנע אַכט און דרײַסיק יאָר דערגרייכן צו אַזאַ הויכן רום!

וואַניע טשערניאַכאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אין דאָרף אָקסאַנינאָ, קיִעווער גובערניע. צו נײַן יאָר איז ער פֿאַרבליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם. גענומען האָט אים אין איר שטוב זײַן מאַמעס אַ שוועסטער. בײַ איר האָט ער געפּאַשעט די קו, די גענדז... און אָט פֿון דעם פּאַסטעכל איז וואַניע אויסגעוואַקסן צו אַ פֿאָלקנפֿירער מיט צוויי פֿאַרענדיקטע מיליטערישע אַקאַדעמיעס!

18... פֿעוורואַל 1945. בײַ 8 אַזייגער אינדערפֿרי האָט דער קאָמאַנדאַרם פֿון דער דריטער אַרמיי גענעראַל גאָרבאַטאָוו אָנגעקלונגען אין אונדזער שטאַב. זײַן אַרמיי האָט דעמלט אײַנגענומען די שטאָט מעלזאַק.

דער קאָמאַנדאַרם גאָרבאַטאָוו האָט געשריגן אין טרײַבל צו טשערניאַכאָווסקין:

— זיי אַטאַקירן מיך מיט אַ סאַך טאַנקען, זייערע באָמבאַרדירער הענגען איבער מײַנע פּאָזיציעס — באָמבאַרדירן שטאַרק... זייערע טאַנקען האָבן צעשפּאָלטן מײַנע פֿאָדערשטע ליניעס! זיי כאַפּן אַרום בײדע מײַנע פֿלאַנגען... זיי רינגלען מיך אַרום!..

— האַלט זיך, וואַסילי סערגייעוויטש! — איז, שרײַענדיק אין טרײַבל, טשערניאַכאָווסקי אופֿגעשפּרונגען. — באַלד פֿאָר איך צו דיר אַרויס מיט רעזערוון! — שלעפּנדיק אַף זיך דעם שינעל, האָט ער געשעפּטשעט: —

אז גאַרבאַטאַוו זאָל אַזוי אופגערעגט זײַן, האָלט שלעכט... — און צום שטאַב-שעף פּאַקראַווסקין: — די אַכטע טאַנקען-בריגאַדע און דרײַ עס-קאַדריליעס פֿאַרניכטלער פֿון מײַן רעזערוו — צו גאָרבאַטאַווו! — א טײַט געטאָן מיטן פֿינגער צו זײַנע פּאַרוטשענצעס, און צו מיר: — וואַסיע, ני-קאָלײַ, סאַשע — צום „ווילים"!

אויפֿן שאָסיי האָט אונדז באַגעגנט אין זײַן „ווילים" דעם קאָמאַנדאַרמס גאָרבאַטאָוס אַדיוטאַנט. ביידע מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— וואַסילי סערגייעוויטש האָט געהייסן אײַך וואָרענען, כאָווער גע-נעראַל, איר זאָלט דורכן שאָסיי ניט פֿאָרן! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט צו טשערניאַכאָווסקין. — איר זעט, ווי גערדיכט ער ווערט באַשאָסן פֿון זײַערע צענערערנדיקע „פֿידלערס"! דער קאָמאַנדאַרם האָט אײַך געראָטן פֿאָרן דורך די פֿעלדער! ס'וועט זײַן ווײַטער. אָבער...

— ס'וועט זײַן ווײַטער... און איך דאַרף גראָד, עס זאָל זײַן נעענ-טער, — האָט דער גענעראַל א טאָרקע געטאָן דעם שאָפֿער. — פּאַשאָל!..

מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן א פּאָר קילאָמעטער. אויפֿן שאָסיי האָבן אָן אויפֿ-הער זיך געריסן מינעס. טאָרמאַזירנדיק שטאַרק דעם „ווילים", האָט דער שאָפֿער א קוק געטאָן אין טשערניאַכאָווסקיס פּאָנעם. זײַנע אימרויִקע אויגן האָבן געפֿרעגט באַם גענעראַל: „פֿאָרן?"

און אין אָט דער רגע האָט אַרום דער מאַשין זיך צעריסן א זאַלפּ פֿון צען מינעס. די מאַשין איז אויפֿגעפֿלויגן און געפֿאַלן אויפֿן רעכטן באָרט... ווען דער רויך און דער שטויב האָבן זיך צעוויִיט און די טראַסקערײַ אין אונדזערע אויערן האָט זיך אײַנגעשטילט, האָב איך דערהערט טשערניא-כאָווסקיס קרעכצנדיק קאָל: „סאַשע... וואַסיע... איך בין פֿאַרוווּנדעט..." — און גלײַך איז ער אָנשוויִגן געוואָרן, פֿאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן. דרײַ קילאָמעטער ווײַט האָט זיך געפֿונען א פֿעלד-האָספּיטאַל. מיר האָבן איבערגעטראָגן טשערניאַכאָווסקין אין גאָרבאַטאָווס „ווילים". אויפֿן וועג צום האָספּיטאַל האָט דער גענעראַל געעפֿנט די אויגן.

איך האָב אים געהאַלטן אויף זיך. זײַן בלוט האָט מיך אײַנגאַנצן דורכ-גענעצט.

— סאַשע... — האָט ער שטיל אויסגעהויכט, — איך שטאַרב... — און נאָכאַמאָל: — איך שטאַרב... — און ווידער פֿאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן.

אין א פֿיר שאָ אַרום זײַנען פֿון מאָסקווע געקומען צו פֿליִען דער אַקאַ-דעמיקער בורדענקאָ מיט א גרויסער גרופּע פּראָפֿעסאָרן און אַסיסטענטן.

זיי זײַנען ארײַנגעלאָפן אין האָספּיטאל. אין א צײַט ארום זײַנען דער אקא־דעמיקער בורדענקאָ און אײניקע פּראָפעסאָרן ארויסגעקומען. ווישנדיק מיטן ווײַסן היטעלע דעם שווייס און די טרערן, האָט דער אלטער אקא־דעמיקער עטלעכע מאָל אויסגעשעפּטשעט:

— באָזשע מאָי... באָזשע מאָי!.. עס זײַנען צעשעדיקט זײַנע אינגע־ווײדן, בײדע לונגען... מיר וועלן אים ניט אָפּערירן, ניט מאטערן...

אין זעקס שאָ ארום נאָך דער פארוווּנדונג האָבן מיר דעם גענעראל טשערניאכאָווסקין געבראכט אין זײַן שטאב א טויטן.

אף זײַן טיש איז געלעגן א ניט־דערלייענטער בריוו פון זײַן ווײַב און א פאָטאָגראפיע פון זײַן פופצניאָריקער טאָכטער נעאָנילא און פון זײַן עלפיאָריקן זון אָלעגן. אלע האָבן פריידיק געשמייכלט... אף דער פאָטאָ — אן אויפשריפט: „פאפאָטשקא! אינגיכן וועלן מיר דיך באגעגענען! עס גייט דאָך שוין צום סאָף פון דער מילכאָמע!..״

און דער אכט־און־דרײַסיקיאָריקער טשערניאכאָווסקי איז געלעגן אין דער טרונע, און זײַנע שטאב־אָפיצערן האָבן אים באוויינט...

— מילכאָמע... — האָט אלעקסאנדער וועניאמינאָוויטש זיך א רוק געטאָן מיטן בענקל נעענטער צו מיר. — איר פארשטייט... מע רופט אָן סיבעס, וועלכע רופן ארויס מילכאָמעס: פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, טערי־טאָריעלע... פארשיידענע פּאָליטישע סיסטעמען, זאָגט מען, שטויסן צונויף פעלקער. נו, און וואָס פאר א סיבעס האָבן ארויסגערופן די ערשטע וועלט־מילכאָמע? און די פריערדיקע מילכאָמעס? איך בין איבערצײַגט, אז קיין שום פאָלק זוכט ניט קיין סיבעס צו גיין הארגענען אנדערע פעלקער און צוליב דעם אליין דערהארגעט צו ווערן. מילכאָמעס פארפירן ניט קיין פעלקער, נאָר זייערע אָנפירער! מע זאָגט אָבער אויך, אז עס זײַנען דאָ פעלקער אגרעסיווע... איך נעם זיך ניט אונטער אָנצוווײַזן, אוואָסער פאָלק איז אגרעסיוו געשטימט. נאָר צום וואָרט איז עפּשער דאָ קעדײַ צו דער־מאָנען, אז אין דײַטשלאנד איז פאר דער מילכאָמע געווען אין גאנג א פאָלקסווערטל, וואָס האָט כאראקטעריזירט די דײַטשן אין זייער פאשי־סטישן רײַך.

אָפּקומענדיק אין דער נירנבערגער טפיסע דאָס לעצטע קארגע יאָר פון זײַן לעבן, האָט צוויי וואָכן פארן אײַנעמען דעם סאם, דער פאשיסט נו־מער 2 הערמאן גערינג, מיט א בארימערישן טאָן זיך „געוויצלט״ פאר דעם ענגלישן טפיסע־פּסיכיאטאָר דזשילבערטן:

„באַגעגנט איר א דײַטש, איז קאָן זײַער זײַן, אז ער איז אן אָנשטענ־דיקער מענטש. באַגעגנט איר צוויי דײַטשן, איז דאָס שוין א באַנדע... באַגעגנט איר דרײַ דײַטשן, איז דאָס שוין מילכאָמע!..״ (פון א. אי. פּאָל־טאָראַק — „נירנבערגער עפּילאָג״).

דאַרף מען נאָך עפּעס צוגעבן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די דײַטשן אין פאַשיסטישן רײַך?

איז ווער האָט צעצונדן די צווייטע וועלט־מילכאָמע? אויף דער פראַגע וועט יעדערער ענטפערן: — היטלער! אָבער צי נאָר ער? נו, און זײַן פאַשיסטישע קאַמאַריליע? געריגנג, העס, געבבעלס, הימלער און אַנדערע? און די דײַטשישע קאָנצערנען, וועלכע האָבן פינאַנסירט היטלערס פּאַרטיי? און דער פּ־עזידענט פון די דײַטשישע בענק וואַלטער פונק, און דער רעדלפירער פונעם דײַטשישן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל יאַלמאַר שאַכט, וועלכע האָבן צוגעשטעלט היטלערן געווער און פינאַנסירט זײַנע מיל־כאָמעס? זיי האָבן דען ניט געוווּסט, אז מיט זייער הילף וועט היטלער פאַרגיסן די וועלט מיט בלוט און מיט טרערן? זײַנען זיי דען ניט שולדיק געווען אין דער וועלט־טראַגעדיע?..

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען פאַריבער 40 יאָר. פאַר אָט דער צײַט זײַנען מענטשן ניכטער געוואָרן. איצט קאָן מען שוין קיין פעלקער ניט פאַרטשאַדען די מויכעס, פאַרגיפטיקן זייער באַוווּסטזײַן מיט פאַרגעטערטע „פיורערס״. ניטאָ אויף דער וועלט קיין היטלער. זײַנען דען מענטשן זיכערער געוואָרן פאַר זייער לעבן, פאַרן לעבן פון זייערע קינ־דער?.. אוי, ווי אומרויִק מיר זײַנען פאַר אונדזערע קינדערס לעבן! ניטאָ קיין היטלערס — זײַנען דאָ פּרעזידענטן, וועלכע דראָען מיט אַטאָם־באָמ־בעס!.. איז וואָס וועט זײַן מיט דער מענטשהײַט אין די נאָענטסטע יאָרן? ווער קאָן פאַרטיידיקן די וועלט פון דער דריטער, לעצטער פאַר דער מענטשהײַט אַטאָם־קאַטאַסטראָפע?! אויף וועמען קאָנען פעלקער זיך איצט פאַרלאָזן, אויב ניט אויף זיך אליין? מענטשן, לעשעם דעם לעבן פון אײַערע קינדער, וועלכע איר האָט געבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט, זײַט געהיט! זײַט וואַכזאַם, מענטשן! דערלאָזט ניט, אז אײַערע פּרעזידענטן זאָלן אָנצינדן אויף דער וועלט א „באַגרענעצטע״ אַטאָם־קאַטאַסטראָפע! געדענקט, אז א „באַגרענעצטע״ אַטאָם־מילכאָמע וועט אַרויסרופן א געע־קייטלטע רעאַקציע, וועלכע וועט פאַרוואַנדלען אײַער וועלט אין א פלאַ־קערנדיקן שײַטער!..

די פרײַז פון ברויט...

אין דער בולאַטשנע, וואָס געפינט זיך אף אונדזער גאַס, פלעגט שטענ־דיק אַרײַנקומען א באַיאָרטע פרוי, וועמען מע האָט א צונאָמען געגעבן „די בענטשערן", דערפאַר וואָס זי פלעגט איבערן ברויט אויספילן א מין בענטש־ריטואַל.

געווען איז די פרוי א נידעריקע, און אײַנגעשרומפענע. אף איר פּאָנעם האָט זיך ווי אָפּגעשטעמפלט איינער און דער זעלבער אויסדרוק: א דער־שראָקענע פאַרלוירנקײַט. ארום אירע פאַרוואַלקנטע מיט אומעט אויגן און ארום דעם שטענדיק שווײַגנדיקן מויל האָט זיך אויסגעלייגט א פאַרביטערטקײַט, וואָס האָט דערציילט, אז איר האַרץ טראָגט אין זיך הארבע איבערלעבונגען.

אַרײַנקומען אין דער בולאַטשנע פלעגט זי מיט אומזיכערע, זײַטיקע טריט, אָפּטרעטנדיק יעדערן דעם וועג — זיך געשאַרט בא די זײַטן, מע זאָל זי וואָס ווייניקער באַמערקן.

ווען די קוינים האָבן אײַליק גענומען ווער וואָס ס'האָט געדאַרפט און גיך פאַרלאָזן די קלייט, פלעגט זי צוגיין צו די אַרויסגעשטעלטע גע־בעקסן, און, קוקנדיק אף זיי מיט א צאַרטער טפילע אין די אופגעלויכטע־נע אויגן, שטיל און האַרציק צו זיי שעפּטשען:

— געבענטשט זאָלסטו זײַן אף הײַנט און אף אייביק, ברויטעניו־לעבן! ניט פאַרשטערט זאָלסטו ווערן פאַר אונדזערע קינדער און קינדס קינדער, קיניגן מילדע איבער אַלע שפּײַז־פּראָדוקטן!

אויסגעשעפּטשעט די טפילע איבער די געבעקסן, האָט זי זיך אַרומגע־קוקט, צי מע לייגט ניט אף איר קיין אכט, מיט קורצע און אײַליקע באַוועגונגען פון דער אויסגעדײַוועראַטער האַנט זיי א ציילעם געטאָן.

אייניקע פון דעם יינגערן דאָר האָבן, מעגלעך, זי פאַררעכנט פאַר א ביסל א צעדולטער. יענע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מילכאָמע און גוט געוווּסט די פרײַז פון א שטיקל ברויט, האָבן זי פאַרשטאַנען און גע־שאַנעוועט, ווײַל איר איפירונג האָט גערעדט צו זייערע הערצער.

כ'האָב געזוכט א מאָמענט מיט איר זיך דורכשמועסן. זיך מיט איר צערעדט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז זי איז א גאַנץ נאָרמאַלער מענטש און אן אינטעליגענטנע. זי האָט מיר דערציילט:

געבוירן איז זי און געלעבט ביז דער מילכאָמע אין לענינגראַד. אַלע יאָרן — געווען א לערערן. געלערנט קינדער פיזיק און מאַטעמאַטיק. פון נאָך דער מילכאָמע לעבט זי אין מאָסקווע מיט אירע שוועסטער.

אין דער פינצטערער לענינגראַדער בלאָקאַדע, זיינען אין מעשעך פון איין כוידעש געשטאָרבן אירע צוויי טעכטער...

זעט, ווי כ'האָב איבערדערציילט אירע ווערטער: — „אין מעשעך פון א כוידעש זיינען פון הונגער געשטאָרבן מיינע צוויי טעכטער"... אָבער צי קאָן מען דען מיט ווערטער איבערדערציילן דעם גרויליקן ציטער פון דער פרויס שטים בעשאַס זי האָט דאָס מיר געזאָגט? צי קאָן מען דען אויסדריקן דעם טיפן בראָך, וואָס זי טראָגט אין איר האַרצן נאָך אירע פאַרלוירענע קינדער?

און אָט די פרוי בענטשט אַלע טאָג דאָס ברויט, עס זאָל ניט פאַר־שטערט ווערן „פאַר אונדזערע קינדער". פאַר וועמענס קינדער בעט זי? איך האָב דאָס בא איר געפרעגט.

— פאַר אַלע מאַמעס קינדער! — האָט זי מיר געענטפערט — ס'איז ניטאָ קיין שווערערע פיין פאַר א מוטער, ווי צוצוזען, ווי אירע קינדער צאַנקען אויס פאַר א שטיקל ברויט...

פּלוצעם האָט זי אומדערוואַרט פאַר מיר, איבערגעפירט די רייד אַף אַן אַנדער טעמע:

— נו, און וויאַזוי מענטשן באַגייען זיך איצט מיט ברויט האָט איר גע־לייגט אַכט? — האָט איר פאַנעם זיך אָנגעגאָסן מיט צאָרן. זי האָט מיך א כאַפּ געטאָן פאַר א האַנט, צוגעפירט צו א מיסטקאַסטן. אין אים און אַרום אים האָט זיך געוואַלגערט אַרויסגעוואָרפן ברויט: שטיקער און אַפּי־לע גאַנצע באַטאָנען!

— און דאָס איז בלויז פון איין הויף! — האָט זי שוין געשריגן. — און וויפל ווערט אַרויסגעוואָרפן ברויט אין די מיסטקאַסטנס פונעם גאַנצן לאַנד?!

א מידע פון דער אָנשטרענגונג, האָט זי מיט א געפאַלענער שטים פאַרגעזעצט:

— ווען לענינגראַד וואָלט אין דער צייט פון דער בלאָקאַדע פאַר־מאָגט דאָס ברויט, וואָס ס'וואַלגערט זיך איצט אין די מיסטקאַסטנס פונעם לאַנד, וואָלטן אַזויפיל מענטשן ניט אויסגעשטאָרבן...

און איך האָב דערבײַ א טראכט געטאָן: „וויפל זשע איז די פרײַז פון א שטיקל ברויט? עטלעכע קאָפּיקעס? א קערבל? מער: צומאָל — די פרײַז פון אונדזער לעבן — פון טויזנטער און טויזנטער לעבנס!..״

די אלטע לענינגראדער לערערן, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם קלינישן טויט פון הונגער, האָט מיר אונטערגעזאָגט די טעמע צו שרײַבן וועגן דער פרײַז פונעם שטיקל ברויט.

צי פארטראכטן מיר זיך וועגן דעם פּראָצעס, וויאַזוי דאָס ברויט ווערט אויסגעכאָוועט, בעשאס מיר עסן דאָס? און וויפל מיליאָנען מענטשן מיען זיך, איידער עס קומט אַף אונדזער טיש?

אָבער קעדיי אָנהייבן שרײַבן וועגן ברויט, האָב איך זיך געדארפט פארטראכטן און ניט ווייניק זיך דערוויסן.

כ׳בין אוועקגעפאָרן אין א הינטערמאָסקווער קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער״.

דער שטארק פארנומענער פאָרזיצער ניקאָלײַ וואסיליעוויטש וועדערניקאָוו האָט מיך באקאנט מיט אן אגראָנאָם וולאדימיר אנדרייעוויטש לאַוורושינען. אים געהייסן אלץ מיר באַווײַזן און דערקלערן.

דער אגראָנאָם, א מיטליאָריקער, פעסט געבויטער מאנצבל מיט ברייט צעשטעלטע גרינע אויגן אַף דעם אָפּגעסמאַליעטן פון דער זון און ווינטן פּאָנעם, האָט מיר א צו פילבארן דריק געטאָן מײַן האנט און געזאָגט:

— אין א פּאָר שאָ ארום וועט זיך אומקערן די קאָלאָנע מאשינען, וואָס פירן די טוווּע צום עלעוואטאָר, וועלן מיר אדויספאָרן אַף די פעלדער, ווו עס וואקסט דאָס ברויט. ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן: ווו די טוווּע איז געוואקסן. ווײַל קימאט זיבעציק פּראָצענט ווייץ האָבן מיר שוין אָפּגעשניטן און אָפּגעפירט צום עלעוואטאָר. דערווײַל וועלן מיר ארײַנגיין צום זיידן קוזמיטש. ער איז דער וועכטער פון דעם שפּײַכלער, ווו מיר האלטן אוף דעם ווייץ אַף זריע צום פארזייען.

נאָר איידער מיר וועלן זיך צו אים דערנעענטערן, דארף איך אײַך וואָרענען, אז דאָס איז א זיידע מיט זייער אן אָריגינעלן, מע קאָן זאָגן, מיט א גאנץ טשודאקאָוואטן כאראקטער. און ס׳קאָן זיך טרעפן, אז ער זאָל מיט זײַן שטעקן אונדז פארטרײַבן... אָט דער-אָ איצט צעטראָגענער אכציקיאָריקער קוזמיטש איז זײַנערצײַט אין מעשעך פון קימאט דרײַסיק יאָר געווען דער שטארקסטער פאָרזיצער פון אונדזער קאָלווירט. און ער האָט דעם געוועזענעם אָפּגעשטאנענסטן און אָרעמסטן קאָלווירט ארויס-

געפירט אין דער ערשטער ווירטשאפט — מיליאָנער פון אונדזער געגנט!..
נו, איצט...

צוגעשפּאַרט צו דער פאַרהאַקטער טיר פונעם שפּייַכלער, איז אַף א קאסטן געזעסן דער אַלטער וועכטער קוזמיטש. איבער זייַן קאָפּ איז געהאנגען א ברייטער, שווערער שלאָס — נאָך אזא מין סאָרט איניקום וועט איר געוויס אין מאָסקווע ניט באגעגענען.

דערזעענדיק, אז עמעצער דערנעענטערט זיך, האָט ער זשמורענדיק די טיף-פאַרגראָבענע אויגן, אויסגעצויגן דעם מאָגערן האַלדז, און איבער זייַן פייגלשן פּאָנעם האָט זיך א שלענגל געטאָן א גרויזאמע האַווייַע. אופהייבנדיק די שפּיציקע אקסלען, האָט ער מיט רוגזע ארויסגעשטעלט דעם שטעקן פאַרויס...

— גוט-מאָרגן, זיידע סעראפים קוזמיטש! — האָט דער אגראָנאָם היימיש און הארציק אים באגריסט.

— אהא, דאָס ביסטו, וואָלאָדיע! — האָט דער אַלטער זיך א יאָרזע געטאָן אפן קאסטן און מיט א טאָן, וועלכער שליסט אויס דערווידערונגען, א בייזן פּאָנפע געטאָן:

— כוץ דער לאבאָראנטקע לאָז איך קיינעם ניט אריַין אין שפּייַכלער!

אופגעשפּרונגען, האָט ער ווידער ארויסגעשטעלט דעם שטעקן, ווי א סאָלדאט די ביקס.

— פאַרוואָס קיינעם ניט, סעראפים קוזמיטש? — האָט מיט א ליבלעכן טאָן זיך נאָכגעפרעגט דער צווייטער באַלעבאָס איבער דעם קאָלווירט.

— דערפאַר, וואָס ער האָט ניט ליב קיין פרעמד אויג.

— ווער? — האָב איך באַם אגראָנאָם געפרעגט.

— מיט דעם וואָרט „ער" מיינט קוזמיטש דעם ווייץ... וויַיל ער באַציט זיך צו אים ווי צו א לעבעדיקער באשעפעניש, — האָט דער אגראָנאָם מיר געענטפערט.

„אָט וועמען מע וואָלט געדאַרפט מיט זייַן שטעקן אוועקשטעלן איבער יענע, וועלכע וואַרפן ברויט אין די מיסטקאַסטנס!.." — איז מיר דורכגעשווינדלט אין מויעך.

— זיידע קוזמיטש, — האָט דער אגראָנאָם מיט א בעטנדיקן טאָן א מורמל געטאָן, — דער כאַווער איז געקומען פון מאָסקווע זיך באקאַנען מיטן פּראָצעס, וויאַזוי מיר כאַווען אויס די טוווע. ער איז א קאָרעספּאָנדענט.

ציִענדיק פון קעשענע דעם ריזיקן שליסל, האָט דער אלטער צוגע־וואַרטשעט:

— א קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווע! מײַן אייניק פעדקע ווינט אויך אין מאָסקווע. און ווער ער איז ווייסטו דאָך — א פּאָלקאָווניק! און דו טײַנעסט מיר: א קאָרעספּאָנדענט!.. — האָט דער אלטער מיט שפּאָט זיך פארקרימט, אופשליסנדיק דעם ריזיקן שלאָס.

די ווענט, דער סופיט און דער דיל פונעם שפּײַכלער זײַנען געדעקט מיט ריין אויסגעהובלטע ברעטער. אין די ווינקלען האָבן געהידעט מאָ־טאָרן פון קאָנדיציִאָנערן, וואָס רעגולירן די טעמפּעראַטור און די פײַכט־קײַט פון דער לופט.

די פּאַרזיי־זריִע האָט זיך אופגעהאלטן אין קאסטנס. אויך אף ברעזענטן זײַנען געלעגן בערגלעך ווייץ. די טוווע האָט געשמעקט מיט זוניקער פעלד־לופט, מיט האָניק. כ׳האָב געגומען א זשמעניע קערנדלעך, זיי איבערגעשאָטן פון דלאָניע אין דלאָניע, און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אז דער ווייץ שײַנט אָפּ מיט אלטן, געלן גאָלד און אז ער שלענגלט זיך אין די הענט טאקע ווי א לעבעדיקע באשעפעניש...

מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן אלטיטשקן וועכטער, מיט דעם געוועזע־נעם אמאָל שטארקסטן פּאַרזיצער פון דעם דאָזיקן קאָלווירט. און מיט די אָנגעקומענע פון דעם עלעוואטאָר מאשינען ארויסגעפאָרן אף די ראכ־וועסדיקע, אָנבערעגיקע פעלדער, פון וועלכע קאָמבײַנען האָבן אָפּגע־שניטן דעם רעשט טוווע. דער אגראָנאָם האָט אָפּגעשטעלט א קאָמבײַן. מיר האָבן ארופגעקלעטערט אפן בריקל. ער האָט מיר דערקלערט, ווי אזוי די מאשין דרעשט אויס פון די אָפּגעשניטענע זאנגען די קערנדלעך ווייץ. כ׳האָב געקוקט, ווי די טוווע שיט זיך פונעם קאָמבײַן אין דער אונטער־געפאָרענער מאשין ארײַן.

צום סאָף טאָג בין איך אף א מאשין מיט ווייץ אוועקגעפאָרן צום עלעוואטאָר. דאָרט האָט א טעכניקער מיך באקאנט מיט דער ארבעט, וואָס דער עלעוואטאָר מאכט דורך מיט דער טוווע ביז ער גרייט זי צו צום מאָלן אין די מילן אף מעל.

קעדיי באקומען א דערלויבעניש ארײַנצוגיין אף א ברויט־בעקערײַ־קאָמבינאט, האָב איך זיך געדארפט ווענדן צום דירעקטאָר פון די מאָסק־ווער ברויט־בעקערײַען, אלעקסיי איוואנאָוויטש לעדנעוון.

אויסגעקלאָרט ווער איך בין, האָט ער געפּאָדערט מײַנע דאָקומענטן. דערנאָך געפרעגט, אַוועלכן פון די מאָסקווער בעקערײַ-זאַוואָדן איך וואָלט געוואָלט באַזוכן.

— אַזויווי אונדזער זשורנאַל דרוקט זיך אויף דער יידישער שפּראַך און די לייענער זײַנען, נאַטירלעך, יידן, וואָלט געוווּנטשן געווען, איך זאָל באַזוכן אַן אונטערנעמונג, מיט וועלכער עס פירט אַן א ייִד, און נאָך וואָלט געוווּנטשן געווען, אַז אויף דעם ברויט-זאַוואָד זאָלן אויך זײַן אַרבע-טער יידן.

אַלעקסיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרטראַכט.

— איך וועל אײַך געבן אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אַ גרויסן בעקערײַ-קאָמבינאַט נומ. 11, מיט וועלכן עס פירט אַן מיראָן יאָסיפאָוויטש ווילנער און אויך דער הויפּט-אינזשעניער איז אַ ייִד, — נאָום יאָסיפאָוויטש וועלטמאַן. צי זײַנען דאָרט דאָ יידן אַרבעטער, דאָס ווייס איך ניט, נאָר מירן זיך באַלד דערוויסן, — האָט ער גענומען דאָס טעלעפאָן-טרײַבל. אָנגעקלונגען צום דירעקטאָר. און כ'האָב דערהערט ווי יענער האָט אים געענטפערט: „עטלעכע יידן אַרבעטן".

— איז אָט האָט איר אַ דערלויבעניש. פאָרט אויפן קאָמבינאַט נומ. 11, ער געפינט זיך אויפן זוויאָזדנע בולוואַר נומ. 6, זוכן וועט איר לאַנג ניט דאַרפן, ווײַל דער אָנגענומער גערוך פון דעם קאָנדיטערײַ-צײַך וועט אײַך פירן וווּהין איר דאַרפט, — האָט ער מיר דערלאַנגט די דערלויבע-ניש, צווינטשנדיק דערפאָלג.

דער דירעקטאָר, נאָך פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן כאַלאַט און אַ ווײַס היטעלע, האָט מיך היימיש באַגריסט. איבער זײַן קײַלעכיק ברייטן פּאָנעם און אין די טונקעלע אויפגעלעבטע אויגן האָט זיך דורכגעמינעט אַ שמייכל.

ווי זייער אַ פאַרנומענער אָנפירער, איז ער גלײַך צוגעטראָטן צום ענין:

— איך מיין, אַז ס'וועט פאַר אײַך זײַן גלײַכער, צו פאַרגעבן פראַגן דעם הויפּט-אינזשעניער נאָום יאָסיפאָוויטשן, בעשאַס ער וועט אײַך דע-מאָנסטרירן דעם אַרבעטס-פּראָצעס פונעם קאָמבינאַט, — האָט ער מיר פאָרגעלייגט.

— איך מיין אויך אזוי, מיראָן יאָסיפאָוויטש. נאָר עפשער וועט איר מיר דאָ ענטפערן אף אייניקע פראגעס?

— פרעגט.

— ווען האָט מען אויסגעבויט אייער גרויסן קאָמבינאט? וויפל ארבעטן מענטשן אף אייער אונטערנעמונג? און וויפל פראָדוצירט דער קאָמבינאט פאר א מעסלעס ברויט?

— אויסגעבויט דעם קאָמבינאט האָט דער באוווסטער אינזשעניער מארסאקאָוו אין 1934 יאָר. נאָר פאר דער צייט איז ער איבערגעבויט און פארברייטערט געוואָרן פיר מאָל. און די אווטאָמאטיזאציע איז דערפירט געוואָרן צו אזא הויכן ניוואָ, אז מיר פראָדוצירן פאר איין מעסלעס 170 טאָן פארשיידן ווייס ברויט און 24 טאָן פארשיידענע קאָנדיטערסקע געבעקסן. אין די צעכן פונעם קאָמבינאט ארבעטן 1160 ארבעטער און 115 אָנגעשטעלטע. עס ארבעטן בא אונדז אויך יידן. וועגן איין ייד, וועלכער ארבעט דאָ פון זינט דער קאָמבינאט איז אויסגעבויט געוואָרן, — קרעל-בערג דאָוויד סאמוילאָוויטש איז זיין נאָמען — קאָן איך אייך זאָגן, אז ער האָט בא אונדז דעם שעם פון א לעגענדארער פערזענלעכקייט.

ווען מיר וועלן אים מיט אייך באקאנען, וועט איר פארשטיין, פארוואָס מיר רעכענען אים אלס אזעלכן.

— וויפל ברויט-קאָמבינאטן ארבעטן אין מאָסקווע כוץ אייערן?

— אזעלכע גרויסע ווי אונדזערע — נאָך צוויי. קלענערע און קליינע ברויט-זאוואָדן ארבעטן אין מאָסקווע צוויי און דרייסיק...

דער דירעקטאָר האָט פאָרגעזעצט:

— די פרייַז פאר ברויט איז בא אונדז אין לאנד די ביליקסטע אין דער וועלט — ביליקער פון קארטאָפל... ס'איז א מיילע און אויך א כיסאָרן. אָט האָט מען זונטיק איבערגעגעבן אין טעלעוויזיע, אז עקאָנאָמיסטן האָבן אונטערגערעכנט, וויפל אין אונדזער לאנד ווערט ארויסגעוואָרפן פאר א יאָר ברויט — א קאָלאָסאלע ציפער! ניט יעדערער וויל זיך פארטראכטן, וויפל ארבעטס-הענט פון פארשיידענע ספעציאליטעטן גיבן אָפּ זייער מי, קעדיי צו ברענגען דאָס ברויט אף זייער טיש... מע טראכט ניט, אז דער באטאָן, וועלכן מע ווארפט ניט זעלטן ארויס, אנטהאלט אין זיך פון 6.000 ביז 12.000 ווייץ-קערנדלעך!..

— פון דעם ברויט-האנדל באקומט די מעלוכע רעווער, צי זי ליידט העזעק?

— אויב רעכענען די פּרײַז, וויפל די מעלוכע צאָלט די קאָלווירטן פאַר דער טוווע און וויפל זי לייזט אָפּ פאַר א קילאָ אויסגעבאקן ברויט, האָט זי רעווועך. נאָר אויב זיך אַרײַנלאָזן אין ווײַטע כעזשבוינעס, וויפל צוגאָבלעכע הויצאָעס עס קאָסט אָפּ: טראנספּאָרט, ברענשטאָף, עלעוואַטאָרן, עלעקטראָענערגיע, מילן, בעקערײַ-זאַוואָדן און נאָכאמאָל טראנספּאָרט און טראנספּאָרט, באקומט זיך, אז א קילאָגראם ברויט קאָסט דער מעלוכע אין פיר און צומאָל אין פינף מאָל טײַערער איידער זי לייזט פאַר אים אויס.

דער הויפּט-אינזשעניער נאום וועלטמאַן באווײַזט מיר דעם ארבעטס-פּראָצעס פון דעם בעקערײַ-קאָמבינאַט.

דער קאָמבינאַט באשטייט פון אכט זיבנשטאָקיקע קאָרפּוסן, וועלכע גייען זיך צונויף אין א פירעקיקן הויף, וווּהין שטרענגע וועכטער לאָזן אַרײַן לויט א ספּעציעלן דורכלאָז-קוויטל און אין דער באגלייטונג פון א פאָרשטייער פון דער אדמיניסטראציע. דער הויף איז אזוי גרויס, אז צווישן די קאָרפּוסן קורסירן פּראכט-טראַמווײַען. די ליפטן פליען ארויף און אראָפּ. אין מעשעך פונעם גאנצן מעסלעס פאָרן אַרײַן און ארויס פור-גאָנען מיט געבעקסן. עס שאפט זיך אן אײַנדרוק, אז אין אזא מישמאש וועט זיך ניט פאנאנדערקלײַבן דער רועך אליין. אָבער פאַר דעם הויפּט-אינזשעניער וועלטמאַנען איז דאָ אלץ קלאָר און אין אָרדענונג. הערנדיק, ווי ער ענטפערט אף די פראגן, וועלכע עס פארגיבן אים די מעכאניקער, בריגאדירן און מײַסטערס פון די צעכן, האָב איך פארשטאַנען, אז ניט צופעליק האָבן די העכערע אמטן אים אוועקגעשטעלט אָנפירן מיט אזא „מאכינע“!

ניט קוקנדיק אף דער טראַסקערײַ, רעדט ער רויק און שטיל, צוגעבנדיק קימאַט צו יעדער פראזע זײַן ווערטל: „לאדנענקאָ?“ אָדער „לאדנענקאָ!“ און וויפל מאָל ער זאָל ניט איבערכאזערן זײַן „לאדנענקאָ“, קלינגט ער בא אים מיט א פאסיקן צו דער סיטואציע ניואנס.

— ערשטנס, וועלן מיר ארײַנגיין אין קאָנדיטערסקע צעך. לאדנענקאָ? — פרעגט ער בא מיר, ווי איך זאָל בעסער פון אים ויסן, פונוואנען מע דארף אָנהייבן.

און ווי נאָר מיר האָבן איבערגעטראָטן די שוועל, טוען זיך א וואָרף גלײַך אין די אויגן טאָרטן, טאָרטן, טאָרטן. אן אומופהערלעכער שטראָם

פון טאָרטן פֿליִען אַפֿן קאַנווייער. און אַזוי פֿליִען זיי דאָ מעסלעסנוויַיז: טאָג ווי נאַכט!

פֿונוואַנען פֿליִען זיי? וווּהין?

— און וווּ איז דער אויוון, אין וועלכן זיי באַקן זיך? — פֿרעג איך בײַ אים, אַ צעטומלטער פֿון דער טראַסקערײַ.

— אין פֿערטן קאָרפּוס, — ענטפֿערט ער מיר.

ער האָט מיך צוגעפֿירט צו אַ טישל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַן אָנגעשניטענער טאָרט.

— פֿאַרזוכט אונדזער קאָנדיטערסקע געבעקס. — האָט ער מיר פֿאָר־געלייגט. — מאַשענקאַ! — האָט ער אַ רוף געטאָן. ס'איז צוגעלאָפֿן אַ פֿאַרשלייערטע אין ווײַסן יונג מיידעלע.

— קאַפֿע! — האָט ער איר באַפֿוילן.

— לאַדנעכקאָ, נאָום יאָסיפּאָוויטש, — האָט זי, כיינעוודיק שמייכלענ־דיק, אים געענטפֿערט מיט זײַן ווערטל.

— איך וואָלט געוואָלט זען אַן אויוון, וועלכער באַקט די שיינע און שמעקנדיקע טאָרטן. — האָב איך זיך צו אים געווענדט.

— צוערשט וועל איך אײַך באַווײַזן דעם פֿינפֿטן אויוון, וועלכער באַקט דאָס ווײַסע ברויט: ער איז אַהער נעענטער איידער דער, פֿון וועלכן עס ציִען זיך די טאָרטן...

דער ליפֿט האָט אונדז אַ שלעפּ געטאָן אַראָפּ, מיט צוויי שטאָק אונטער דער ערד, און כ'האָב דערזען אַזוינס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ענלעכ־קײַט צו דעם, וואָס כ'האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס אַן אויוון.

דאָס איז געווען אַ טיפֿער און זייער ברייטער מעטאַלענער „קאַרוסעל", צעטיילט אויף באַזונדערע קײַלעכדיקע טשוהונענע פּליטעס, וועלכע דרייען זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. דאָס ברויט וואַנדערט איבער פֿון איין פּליטע אויף דער צווייטער, ווו די טעמפּעראַטור האַלט פֿון 180 ביז 220 גראַדוסן. אין 31 מינוט אַרום פֿליִען די באַטאָנען אַרויס פֿונעם אויוון אַפֿן קאַנווייער.

דער טשוהונענער „קאַרוסעל" ווערט דערפֿירט צו אַזאַ הויכער טעמפּע־ראַטור ניט פֿון דער קאָטעלנע אומיטלבאַר, דאָס ברויט זאָל, כאָלילע, ניט פֿאַרטשאַדעט ווערן, נאָר פֿון שטאָלענע רערן, אין וועלכע אונטער דעם דרוק פֿון 60 אַטמאָספֿער צירקולירט דאָס אָנגעהיצטע ביז 220 גראַדוסן

דיסטילירטע וואסער (קעדיי די רערן זאָלן ניט פאַרזאָטן ווערן, האָט מען מיר דערקלערט).

מיך האָט פון די אכט אויוונס באזונדערס אינטערעסירט דער פינפטער, מיט וועלכן ס'איז פארבונדן די געשיכטע פון א געשטאלט, וועמען דער דירעקטאָר פונעם קאָמבינאט האָט כאראקטעריזירט אלס א לעגענדאַרן — דער ייִד דאָוויד קרעלבערג.

קרעלבערג איז דער הויפּט-געשטאלט פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, קעדיי צו ליקווידירן אן אוואַריע, וואָס האָט זיך געטראָפן אין אויוון נומ. 5. און פאָרגעקומען איז די דראמאטישע געשעעניש אין דעקאבער 1941 יאָר... אין די גרויזאמע טעג, ווען אונדזערע ארמייען האָבן פאַרגענומען דעם הינטערמאָסקווער אָנגריף קעגן די פאשיסטישע כאיאָלעס, וועלכע האָבן געליטן די ערשטע מאפּאָלע אף אונדזער ערד.

אָט וואָס ס'איז דעמלט געשען:

האגאם די רערן, וואָס היצן אָן דעם אויוון, ווערן געמאכט פון דער סאמע פעסטער מארקע שטאָל, טרעפט זיך אָבער, אז דאָס 220-גראַדוסנע וואסער אונטערן דרוק פון 60 אטמאָספער רייַסט זיך דורך, ווי מע זאָגט דאָ, דורך א „סווישטש". עס פארגיסט די 6 טאָן ברויט, וואָס געפינען זיך אין אויוון. מע מוז אויסשליסן דאָס וואסער — אָפּשטעלן די ארבעט...

אז אזא אוואַריע האָט זיך געטראָפן פאר דער מילכאָמע פלעגט מען, קעדיי אָפּקילן דעם אויוון, מע זאָל קאָנען אין אים קריכן רעמאָנטירן, אָפּשטעלן די ארבעט אף צוויי מיט א האלבן מעסלעס. אָבער אז ס'האָט זיך געטראָפן מילכאָמע-צייַט, ווען דער זאַוואָד האָט געדארפט פירן דאָס ברויט צום פראָנט, און ניט געבן דעם סאָלדאט קיין ברויט איז דאָך דאָס זעלבע, וואָס ארויסנעמען פון זייַנע הענט די ביקס...

אָט וואָס עס האָבן מיר דערציילט דאָוויד קרעלבערג און די באַיאָרטע פרוי, וועלכע ארבעט אפן קאָמבינאט אויך פונעם 1934 יאָר, גאָליצינא:

— קרעלבערג: — איך בין געווען א יונג א גוואר. געוויגן 96 קילאָ. כ'האָב געארבעט אלס א מעכאניקער באם פינפטן אויוון. מיר זייַנען אין מילכאָמע-צייַט ניט ארויסגעגאן פונעם זאַוואָד — דאָרט גענעכטיקט. אָפּגעארבעט 12 שאָ מייַן וואכטע, בין איך א מידער אנשלאָפן געוואָרן. ס'איז געווען בא דרייַ אזייגער באנאכט. איך דערפיל, מע טאָרקעט

מיך. כ'דערזע. עס שטייט בא מײַן געלעגער אין אונטערשטן גרעט דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד.

— דאַוויד! — קוועטשט ער אַרויס דורך די פאַרדריקטע ציין. — א „סווישטש"!..

מיר לויפן צום אייוון. דאָס וואַסער האָט מען שוין אויסגעשלאָסן. די זעקס טאָן ברויט אין אייוון זײַנען קאַליע. דער טשוהון איז אָנגעגליט בא 220 גראַדוס... דער דאַמף שטערט דערזען דאָס צעשעדיקטע אָרט. מיר לאָזן אַף א רעגע דאָס וואַסער. כ'האָב דערזען דעם „סווישטש" אַפן טיפסטן מעהאַלעך... וואָס טוט מען?! שלעכט! אין 4 שאָ אַרום דאַרף אונדזער זאַוואָד שיקן די סאָלדאַטן פון פיר דיוויזיעס ברויט!

דער דירעקטאָר שלעפּט אַף זיך דאָס אָנטועכץ, לויפט צום טעלעפאָן קלינגען צו שטשערבאַקאָוון...

אין א 20 מינוט אַרום לויפן אַרײַן שטשערבאַקאָוו, צוויי גענעראַלן און צוויי מאַנצבלען, געקליידטע ציוויל... (עפשער א סאַבאָטאַזש?..)

דער דירעקטאָר הייסט אײַנשליסן דעם הויף פון דער קאָטעלניע. אַן אַליאַרם! עס לויפן זיך צונויף אַלע מעכאַניקער און אינזשעניערן פונעם זאַוואָד.

מע צעעפנט אַלע פענצטער און טירן. מע פּאָמפּעט אָן דורך שלאַנגען פראָסטיקע לופט אין אייוון. די טעמפּעראַטור פאַלט. אָבער זייער לאַנג־זאַם!

די אינזשעניערן האָבן אויסגערעכנט, אַז ס'וועט דויערן ניט ווייניקער פון צוויי מעסלעס ביז מע וועט זיך קאָנען פרוון קריכן אין אייוון רע־מאָנטירן.

שטשערבאַקאָוו זאָגט צום דירעקטאָר:

— וועגן אַזא מין עקסטרע־אָרדינאַרער געשעעניש מילכאָמע־צײַט בין איך מעכויעוו אינפאָרמירן סטאַלינען אין מעשעך פון איין שאָ... נאָר אַזוי ווי ער איז שטאַרק מיד און פאַרנומען, נעם איך אַף זיך אים ניט באַומרויִקן נעגייע דעם צו ערנסטן צופאַל, אויב איך וועט די אַוואַריע ליקווידירן אין מעשעך פון צוויי שאָ!.. ניט שפּעטער פון צוויי שאָ קלינגט צו מיר. איך ווינטש אײַך דערפאָלג! — מיט די רייד איז ער מיט די גע־נעראַלן אַוועקגעפאָרן, די צוויי ציוויל געקליידטע זײַנען געבליבן...

וואָס האָט מען געדאַרפט פאָרנעמען, קעדיי ליקווידירן די אַוואַריע? אָפשנײַדן דאָס צעשעדיקטע מיטן „סווישטש" שטיקל רער, און אַף דעם

אַרט צולאָדן א גאַנץ שטיקל רער. אין א קאַלטן איוון האָט דאָס געדאַרפט דויערן א 15 מינוט. און איצט דאַרף מען וואַרטן צוויי מעסלעס ביז דער איוון וועט זיך אָפּקילן, דערנאָך נאָך אַכט שאָ ביז ער וועט זיך אָנהיצן...

און אין קנאַפּע צוויי שאָ אַרום דאַרף מען קלינגען שטשערבאַקאָוון, אַז די אוואַריע איז ליקווידירט!.. און איר ווייסט, וואָס ס'האָט אין יענער ציַיט באַטיַיט לאָזן סאָלדאַטן אָן ברויט?!..

דער דירעקטאָר האָט זיך געווענדט צו די מעכאַניקער און אינזשעניערן:

— סאָלדאַטן פאַלן פאַר אונדז טויזנטער א טאָג. די לעבנגעבליבענע סאָלדאַטן דאַרפן עסן. מיר דאַרפן שיקן ברויט פאַר 4 דיוויזיעס!

מיר זיַינען אויך קעמפער פאַר אונדזער זיג איבערן בלוטיקן סוינע! ס'איז אונטערגעקומען דער מאָמענט, מיר זאָלן ריזיקירן מיט אונדזערע לעבנס און איב ס'וועט אַזוי אויסקומען — שטאַרבן, אויספילנדיק אונדזער כויוו! ווער עס נעמט זיך אונטער צו קריכן אַף צוויי, דריַי מינוט אין איוון און דערנאָך אין אַנדערער, מאַכט דריַי טריט פאָרויס! — און ער אַליין איז אַרויסגעגאַן דער ערשטער.

— ס'איז קלאָר געווען, — האָט קרעלבערג פאַרגעזעצט, — צוליב געבן די סאָלדאַטן ברויט דאַרפן מיר גיין אַף א זיכערן טויט. אָבער אַף אוואַ-סערן טויט! סאָלדאַטן זיַינען דאָסראַוו געפאַלן פון בלינדע קוילן, ניט דער-וואַרטנדיק, ניט זעענדיק דעם טויטס פינצטערע צורע. און אונדזער טויט האָט אַרויסגעקוקט פונעם אָנגעגליטן איוון... מיר האָבן געקאָנט פאַר-באַקט ווערן לעבעדיקערהייט. אין איוון איז נאָך געווען 110 גראַדוסן... עס דערציילט גאָליצינאַ:

— דער צווייטער איז אַרויסגעגאַן קרעלבערג. ער האָט מיט זיַין גוווּ-רישן גוף זיך אוועקגעשטעלט פאַרן דירעקטאָר — אַן עלטערער, קראַנקער מענטש, — געבעטן אים אָפּטרעטן פונעם איוון. נאָך קרעלבערגן האָבן געמאַכט דריַי טריט פאָרויס 9 מעכאַניקער און 4 אינזשעניערן. די דריַי טריט האָבן זיי אָפּגעטיילט פונעם לעבן... צו א קימאַט זיכערן טויט.

דער ערשטער האָט געדאַרפט קריכן אין איוון קרעלבערג. מע האָט אַף אים אָנגעצויגן צוויי וואַטניקעס, צוויי פּאָר וואַטנע הויזן, פאַרוויקלט זיַין קאָפּ, די הענט און די פיס. אַף די אויגן — ספּעציעלע ברילן. אים פאַרוויקלט אין אַזבעסט. אַריַינגעלייגט אין מויל א טריַיבל צו כאַפּן די פראָסטיקע לופט.

אוועקגעלייגט אַף אַן אײַזערן וועגעלע און... אַרײַנגעדרוקט אין דעם באַלויכטענעם מיט פּראָזשעקטאָרס אויוון... אַרום אים האָט מען געבלאָזן מיט פּאָמפּעס פּראַסטיקע לופֿט.

פֿאַרציטערטע און דערשיטערטע האָבן מיר געקוקט, ווי דאַוויד האָט צוגעלייגט אַ מעטאַלענע זעג צו דער רער, אָנגעהויבן אײַנזעגן... אין אַ דרײַ מינוט אַרום זײַנען זײַנע פֿאַרוויקלטע הענט אַראָפּגעפֿאַלן... מיר האָבן גיך אַרויסגעשלעפּט די טעלעזשקע. די פֿריִער אַרויסגערופֿענע דאָקטוירים האָבן אים צעוויקלט. ער איז געווען פֿאַרשטיקט. די אויגן — שטאַרק אויסגעבײַלט... די ספּעציִעלע ברילן — צעפּלאַצטע... נאָר ווען ער האָט דערהערט, אַז מע קלײַבט זיך אים פֿירן אין אַ שפּיטאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען, מיט וואַקלענדיקע טריט צוגעגאַן צום באַלויכטענעם אויוון. אַ קוק געטאָן, אַ פֿריידיקן געשריי געטאָן: — „אײַנגעזעגט!!!" און זײַן שווערער גוף איז ווי אַן אונטערגעהאַקטער דעמב צו דער ערד געפֿאַלן...

דער צווייטער איז אַרויסגעגאַן אַ יונגער, אינטעליגענטער אינזשעניער. אין אַ דרײַ מינוט אַרום האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט אַ האַלב טויטן...

דער דריטער מעכאַניקער האָט באַוויזן אָפּזעגן די רער פֿון איין זײַט. מע האָט אים אַרויסגעשלעפּט אַ פֿאַרשטיקטן און פֿאַרסמאַליעטן. אַפֿן וועג צום שפּיטאָל איז ער געשטאָרבן. אין טומל איז קרעלבערג אויפֿגעשפּרונגען, צוגעלאָפֿן צום קראַנט. געגאָסן אַפֿן קאָפּ, אַפֿן האַלדז קאַלט וואַסער.

— איך וועל קריכן דאָס צווייטע מאָל!.. — האָט ער אויסגעכריפּעט. — כ'וועל זיך נאָר אַ ביסל אָפּקילן, וועל איך קריכן צולאָדן!..

— ווען מע האָט אָפּגעזעגט די רער פֿון ביידע זײַטן, — האָט גאַליצינאַ פֿאַרגעזעצט, — האָט מען אָפּגעמאָסטן די זעלבע לענג און צוגעגרייט דעם אויטאָגען־אויטאָמאַט. איצט איז ערשט פֿאַרגעשטאַנען דאָס שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע. ווער האָט געקאָנט פֿאַרזאָגן, וויפֿל לעבנס עס וועט נאָך קאָסטן די עטלעכע מינוט.

קרעלבערג איז געווען דער איינציקער, וועמ'ס איז געקראָכן אין אויוון צוויי מאָל! אין אַ צושטאַנד פֿון צווישן לעבן און טויט האָט מען אים אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל. אָבער די רער האָט ער צוגעלאָדן!..

אין צוויי שאָ אַרום האָט דער דירעקטאָר געקלונגען צו שטשערבאַקאָוון, אים מודיִע געווען, אַז די אַוואַריע איז ליקווידירט! און אַזוי ווי דער אויוון איז געווען אַף האַלב אָנגעהיצט, האָט מען אין פֿיר שאָ אַרום אָנגעהויבן פֿירן צום פּראָנט ברויט.

זומער

ווען ס'קומט דער פרילינג, זאָרגט מען זיך אין אונדזער מישפּאָכע: וווּהין פירט מען ארויס דאָס קינד אַף זומער. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט די דאָזיקע זאָרג פאר דער טאָכטער. איצט — פאַרן אייניקל. ס'איז אָבער ניט אזוי פּראָסט צו געפינען א געוווּנטשענע דאַטשע, זי זאָל זײַן נאָענט צום וואַלד, צום טײַך, ניט ווײַט פון דער סטאַנציע. עס זאָלן זײַן בעסערע די באַקוועמלעכקייטן, צו וועלכע מיר זײַנען געוווינט אין מאָסקווע. הייבט זיך אָן א דינגעניש, ווער ס'וועט פאַרן זוכן א דאַטשע. דאָס ווײַב שיקט מיך, איך ענטפער איר, אז כ'טויג ניט פאַר אזא שליכעס. כ'ווייס ניט ווו צו זוכן. זאָגט די טאָכטער: — פאָרט ביידע! לאָזן לאָזט זיך אויס, אז מיר פאַרן אינדרײַען און מיר געפינען, געוויינלעך, ניט דאָס, וואָס מיר דאַרפן. אָדער מיר כאַפּן זיך אַרײַן צו אזא מין סאָרט באַלעבאָסטע, וועלכע טײַט מיטן פינגער, ווו מע מעג א טראָט טאָן און ווו מע טאָר ניט, אָדער מיר טרעפן דאפקע אָן צו א באַלעבאָסטע — א גאָלד, טויג אָבער ניט די דאַטשע...

האיאָר האָט מײַן אייניק פאַרענדיקט דעם ערשטן קלאַס, און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן: וווּהין פירט מען ארויס דאָס קינד אפן זומער?

דער אייניק הערט, וועגן וואָס מיר טײַנען, און ער מישט זיך אַרײַן מיט זײַן אייצע:

— וואָס דאַרפט איר דאַטשעס, כ'וועל בעסער פאָרן מיט מײַן קלאַס אין פּיאָנערן-לאַגער!

זעענדיק, אז זײַן אייצע האָט געמאַכט אַף אונדז אַן אײַנדרוק, ווערט ער שוין דרייסטער:

— כ'בין שוין א גרויסער! סעריאָזשע פון מײַן קלאַס פאָרט אין לאַגער, וויל איך אויך מיט אים פאָרן!

— נו, און בענקען וועסטו ניט? — פרעג איך בא אים מיט א האַלב מויל.

אָט די פראַגע מײַנע האָט אים אויסגעניכטערט, דערמאָנט אין דעם, אז צום ערשטן מאָל פאַר זײַן קנאַפּ אכטיאָריק לעבן וועט ער זיך דאַרפן צעשיידן מיט אונדז ניט אַף א פּאָר שאָ, נאָר אַף פיל טעג און נעכט. אַף זײַן פּענעמל לייגט זיך אויס עפּעס א שאָטן.

אַנשטאָט מיר ענטפערן, צי ער וועט ניט בענקען, שפּילט ער אונדז אָפּ א שטומע סצענע: ער לויפט צו צו דער מאמען, כאפּט זי שטארק ארום מיט די הענט, פון איר — צו דער באָבען... זײַנע אויגן שמייכלען דורך טרערן.

— אָט האָסטו דיר „כ׳בין שוין א גרויסער״, — נעם איך אים האָפּער־דיק פארריידן די ציין, ער זאָל זיך דערוויַיל ניט צעוויינען. — נו, פאָר אין לאגער מיט דײַן קלאס, מיט סעריאָזשען. האָסט דאָך אליין פאָרגעלייגט, איז פאָר!

— פאָר, פאָר! — ענטפערט ער מיר שוין מיט א וויינענדיק קאָל. — כ׳וועל פאָרן, אויב דו וועסט אויך פאָרן מיט מיר.

עס ווערט א ראַש. מיר צעלאכן זיך.

— פּענסיאָנערן נעמט מען דען אין פּיאָנערן־לאגער? — לאכט מײַן טאָכטער.

— אוואדע! — ענטפערט ער איר גאנץ ערנסט. — סעריאָזשעס זיידע איז אויך א פּענסיאָנער, פאָרט ער אין לאגער ארבעטן, קעדיי סעריאָזשע זאָל דאָרט ניט זײַן אליין.

מײַן אייניק האָט אונדז ווידער אונטערגעזאָגט א געדאנק. איך קוק זיך איבער מיט דער טאָכטער און מיטן ווײַב.

— עפּשער וואָלט טאקע געווען א טאכלעס, כ׳זאָל פאָרן אין לאגער ארבעטן צוליבן קינד? — פרעג איך בא זיי. — מיר וואָלטן דאן פאר־שפּאָרט זוכן א דאטשע, וואָס קאָסט טײַער און ברענגט קנאפּ נאכעס...

איך פאָר אוועק מיט סערגייס זיידן צו דער פארוואלטערן פונעם לא־גער, צו קלאַוודיַע סערגייעוונען. זי איז שטארק פארטאָן אין איניאָנים. איר טיש רינגלען ארום פּיאָנערן־וואָזשאטעס און אנדערע באהעלפער. ווען זיי צעגייען זיך, גייען מיר צו און זאָגן איר אזוי און אזוי...

צו סערגייס זיידן שמייכלט זי היימיש: ער האָט שוין בא איר געארבעט. מיך באטראכט זי מיט אן ענערגישן, געניטן בליק און ענטפערט אזוי:

— מיר דארפן נאכט־וועכטער, קאָטשעגארן און דוואָרניקעס... איז קלײַבט פאר זיך אויס, וועלכע פון די ארבעטן ס׳גייט אײַך אונטער. אָבער איר דארפט מיך פארזיכערן, אז איר וועט ארבעטן דעם גאנצן זומער. דעם ערשטן יון פאָרן מיר ארויס אין לאגער...

— מיר וועלן זיך באלד באראטן, — ענטפערט איר איוואן וואסיליע־וויטש און רופט מיך אָפּ אָן א זײַט.

— די סאמע פּאסיקע ארבעט פאר אונדז וועט זײַן דוואָרניקעס. — זאָגט ער.

— מיר זײַנען דאָך אלטע סאָלדאטן, — גיב איך צו, — וועלן מיר אָף דער פרישער לופט מיט די בעזעמער איינס און צוויי...

— נו, און די טעריטאָריע, וועלכע מיר וועלן דארפן אופראמען, איז ניט שטארק גרויס און אויך ניט קליין... — זעצט פאָר מײַן פרײַנט, מעסטנדיק אין געדאנק דעם שעטער. — כ׳מיין, א קילאָמעטער און עפּ־שער אלע צוויי... איז נו?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אָף יאָ, כאָטש איך האָב ניט קיין אנונג, אָף וואָס איך גיי איין.

מיר קערן זיך אום צו קלאַודיע סערגייעווונען און מעלדן איר אונד־זער אויסוואל:

— דוואָרניקעס!

— שרײַבט אָן מעלדונגען. — הייסט זי אונדז.

און דערווײַל איז אונטערגעקומען דער ערשטער יון. מיר — איך און די באָבע, די טאָכטער און דאָס אייניקל — גייען צום זאמלפונקט, ווו ס׳האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן די עלטערן מיט זייערע דרײַ הונדערט קינדער.

אָט דאָ האָב איך ערשט דערזען, אין וואָס פאר א געניטע הענט עס געפינט זיך די דערציִונג פון אונדזערע קינדער אין דער צײַט פון די קא־ניקולן.

זעקס אווטאָבוסן, פארפוצטע מיט רויטע פענדלעך און מיט פּיאָנערישע עמבלעמעס, זײַנען געשטאנען גרייטע ארײַנצונעמען אין זיך דרײַ הונ־דערט קינדער. אָף די אווטאָבוסן — בונטע אופשריפטן:

„אכטונג! קינדער!”

פאָרויס גייט א „וואָלגע”, אין וועלכער ס׳געפינט זיך מיליציע. די קאָ־לאָנע באגלייט אָן אווטאָמאָביל מיט דאָקטוירים...

דער עלטערער וואָזשאטע מעלדעט דורך א רופּאָר:

— פּיאָנערן־וואָזשאטעס! פירט ארײַן אײַערע אָטריאדן אין די אווטאָ־בוסן! עלטערן! גייט אָפּ אין א זײַט פון אײַערע קינדער!

און אָט קוקן שוין ארויס די קינדער אַף זייערע עלטערן דורך די אווטאָבוס-פענצטער. מײַן אייניק אויך. די טרומייטן און פּויקן שפּילן פּיאָנערישע מארשן. דער גערויש פון די קינדער, זייערע הילכיקע קוילעס טראָגן זיך איבער דער גאס. די קינדער זײַנען פארפלאמט, מאָלע געדולע.

מײַן אייניק איז אויך זייער אופגעלייגט. ער לאָזט אָבער ניט אראָפּ פון דער באָבען און פון דער מאמען דעם צעטומלטן בליק. ער שמייכלט צו זיי, אָבער אין זײַנע אויגן גייען אוף צוויי איימעדיקע פײַערלעך...

— איך פאָר דאָך מיט דיר! — שרײַ איך צו אים.

— איז קום ארײַן צו מיר אין אווטאָבוס! — בעט ער מיך.

— מײַן אָרט איז צווישן די גרויסע. אין לאגער וועל איך גלײַך צו דיר צוגיין. — ענטפער איך אים. דאן ווערט ער פריילעכער, אָט שפּאסט ער שוין:

— ווּ זשע איז דײַן בעזעם?

לאכן מיר שוין אלע.

דער נאטשאלניק פונעם לאגער גיט א קאָמאנדע דורכן רופּאָר:

— קאָלאָנע, פאָרויס!

אין א דרײַ שאָ ארום פארקערעוועט די קאָלאָנע אַף רעכטס פונעם שאָסיי, און גלײַך רוקט זיך אַף אונדז אָן, ווי א הויכע וואנט, א בערייִשיסדיק געדיכטער וואלד. מיר פאָרן דורך דעם אויסגעהאקטן וועג. די קרוינען פון די הויכע ביימער הוידען זיך שטיל, ווי זיי זאָלן באגריסן די קינדער. און אָט באווײַזט זיך דער טויער מיט א טראנספּאראנט: פּיאָנערן-לאגער „בעריאָזקא".

וואָס ווײַטער מיר פאָרן איבער דער לאגער-טעריטאָריע, אלץ שארפער כאפּט אונדז ארום א געמיש פון כיעסדיקע רייכעס, וואָס עס גיבן ארויס פון זיך די ביימער, די גראָזן, די וואלד-בלומען. א ווארעמער רייעך ציט זיך פון די וואסער-געוויקסן אין נאָענטן טײַך. די ביימער שטייען רויִק אין דער הייסער שטילקייט. דורך דעם געדיכטן בלעטער-געפלעכט פאלן אפּן הויכן גראָז זונען-בליקן.

אָט באווײַזן זיך זעקס פריש-אויסגעפארבטע קאָטעדזשן מיט פארגלאָזטע ווערענדעס, ווּ ס'וועלן וווינען די קינדער. ארום די קאָטעדזשן — צעבליטע בונטפארביקע בלומען. די טירן און די פענצטער זײַנען אָפן. אלץ איז גרייט אופצונעמען די קינדער. זעכציק ארבעטער פונעם באדינער-פּערסאָנאל זײַנען אהער געשיקט געוואָרן מיט א כוידעש פריִער, און

זיי האָבן אַלץ צוגעגרייט. אין די אויפגעראַמטע ראַכוועסדיקע צימערן שטייען אין א שטרענגער אָרדענונג ניקלנע בעטלעך. אנטקעגן די קאָ-טעדזשן איז אויסגעבויט אין דער פאָרם פון א טורעם דער קלוב. אף זיין פאַסאַד איז מיט פאַרביקער מאָזאיק אויסגעלייגט א פאַנאָ — פּיאָנערן גייבן אַפּ א שווע. אינווייניק זיינען די ווענט באַהאַנגען מיט בילדער, וועלכע דערציילן וועגן דעם לעבן פון די קינדער אין אונדזער לאַנד. עס איבע-ראַשט דער קאָמפאָרט, די געמיטלעכקייט און ריינקייט.

אין קלוב זיינען פאַראַן פאַרשיידענע קרייזלעך, מיט וועלכע עס פירן אָן געניטע אינסטרוקטאָרן: א פאָטאָ-קרייזל, א קרייזל פאַר מאָלעריי, פאַר טענץ, א דראַמאַטיש קרייזל, א קאָנסטרוקטאָר-קרייזל, א כאָר און אָר-קעסטער.

כוץ דעם טייך, צו וועלכן מע פירט, אונטער א שטרענגן אויפזיכט פון די וואָזשאַטעס, די קינדער זיך באָדן, איז אויסגעבויט א פּרעכטיקער באַסיין, ווו ס'קומען פאָר ספּאָרטיווע פאַרמעסטונגען. גרויסאַרטיק-מייסע-דיק זיינען די שפּיל-פּלעצער. עסן גיט מען די קינדער פינף מאָל א טאָג. דאָס געקעכטס איז פאַרשיידנאַרטיק און געשמאַק. ניט ווייניק דעליקאַ-טעסן און אוואַדע פאַרשיידענע פרוכטן.

די קינדער געפינען זיך אונטערן טאָגטעגלעכן אויפזיכט פון דאָקטוירים און מעדיצין-שוועסטער. אין מעדיצינישן פּונקט דעזשורעט שטענדיק א ספּעציעלער סאַניטאַר-אווטאָבוס, אין פאַל, אויב מע דאַרף דרינגענד אָפּפירן א פאַרשלאָפט קינד אין א מאָסקווער שפּיטאָל. דער לאַגער-נאַ-טשאַלניק האָט ניט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער אפילע אף קיין איין שאָ אין מעסלעס בעמעשעך דעם גאַנצן זומער.

די גייסטיקע און פיזישע דערציִונג פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט און איז דער הויפּט-ציל, צוליב וועלכן מע פירט ארויס די קינדער אין לאַ-גער. פון מאָסקווע קומען אָפט באַפולמעכטיקטע קאָמיסיעס, זיי קאָנטראָ-לירן, וויאַזוי די אָנפירער פונעם לאַגער פירן דורך די אָנגעמערקטע פּראָ-גראַם.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז א רויִקער, אָנשטענדיקער מענטש. אין אַר-טילערישער מאיאָר אין דעמיסיע. פון די פאַרוווּנדונגען און קאָנטוזיעס, וועלכע ער האָט באַקומען אין דער מילכאָמע-צייט, איז ער קימאַט פּול-קום טויב.

— נו, איצט וועלן מיר זיך א נעם טאָן צו דער ארבעט! איר זעט, וואָס עס טוט זיך? — האָט ער אָף מיר א פּילבאַדײַטנדיקן קוק געטאָן. — ערשטנס, קומט אין קלאַדאָוויקע נאָכן קלאָפּערגעצײַג.

א קוק געטאָן אין קלאַדאָוויקע אָף די בעזעמער, האָט ער אומצופרידן א מאַך געטאָן:

— פון וויפל בעזעמער וועלן מיר צונויפשטעלן אײנעם? אהא, פון דרײַ!

אזוי האָט ער טאקע געטאָן.

איך נעם איבער דעם בעזעם און דערפיל, אז ער וועגט א פּוד.

— שווערלעך פאר אײַך? — פרעגט ער מיט דער אומיטלבארער אופריכטיקײַט, וואָס ליגט צעשפרייט אָף זײַן גוטמוטיק פּאָנעם.

— אוואדע, — ענטפער איך. — אויב נאָך נעמען אין כעזשבן, אז מיט אזעלכע מאכינעס וועלן מיר דאַרפן פּאָכען א טויזנט מאָל אין טאָג.

— אהא, — איז ער מאסקים, — מיט אזא „בעזעמל" וועסטו א שוויץ טאָן! נו, פאר אײַך וועל איך צונויפשטעלן נאָר פון צוויי אײנעם. און אָט דעם בעזעם וועל איך איבערלאָזן פאר זיך. כ'האָב ליב א וואָגיקן אינסטרומענט!

צוויי טעג האָבן מיר געהאָרעוועט, ביז מיר האָבן אופגעראַמט די טעריטאָריע פונעם לאגער. דערנאָך איז געוועזן לײַכטער צו ארבעטן.

דעם צוואנציקסטן יון האָט די פארוואלטערן צונויפגערופן די מילכאָמעוועטעראנען און געפרעגט בא אונדז:

— ווער פון אײַך איז באלוינט געוואָרן מיט מיליטערישע אָרדענס און מעדאלן?

צווישן אנדערע, האָב איך זיך אויך אָפּגערופן.

— דעם צוויי-און-צוואנציקסטן וועלן מיר אָפּמערקן דעם טאָג פונעם פאשיסטישן אָנפאל אָף אונדזער לאנד, — האָט זי פאָרגעזעצט. — בעט איך אײַך, איר זאָלט צופאָרן קײן מאָסקווע און ברענגען אײַערע באלוינונגען. כ'וועל אײַך אויך בעטן, איר זאָלט ארויסטרעטן פאר די קינדער, דערציילן זיי, פאר וועלכע העלדנטאטן איר זײַט באלוינט געוואָרן און אויך וועגן דעם, ווי שווער ס'איז אָנגעקומען דער זיג איבערן פאשיזם.

דעם צוויי-און-צוואנציקסטן יון האָט מען אין קלוב פארזאמלט אלע קינדער. די קלענסטע האָט מען, ווי געוויינלעך, אויסגעזעצט אין די

ערשטע רייען. אונדז, די מילכאָמע־וועטעראנען, — אף דער בינע אין פרעזידיום.

ווען די וואָזשאטעס האָבן איינגענומען דעם טומל, האָבן זיך פון די ערשטע רייען געלאָזט הערן קונדייסישע אויסרופן:

— אָט איז מיין זיידע! — האָט, טייטנדיק מיטן פינגער צו דער בינע, אויסגעשריען סעריאָזשע, — איר זעט, וויפל נאגראדעס ער האָט באַקומען!

— מיין זיידע איז אף מילכאָמע געווען א סטארשינא! — האָט אים אן אנדער קאָל איבערגעשריען.

פוילט זיך ניט מיין אייניק און שרייט אויס ניט מער, ניט ווייניקער:

— און מיין זיידע איז אף דער מילכאָמע געווען א גענעראל!

די וועטעראנען לאכן גוטמוטיק...

די ערשטע טעג האָט מיין אייניק ניט געלאָזט מיך צורו. ער האָט זיך געבעטן: „זיידע, זיי מיט מיר נאָך א ביסעלע, גיי ניט אוועק אזוי גיך פון מיר". צומאָל פלעגט ער לאָזן א טרער. אָבער מיט דער צייט האָבן זיך זיינע טיינעס צו מיר געענדערט אין דער פארקערטער זייט. ווי נאָר כ'פלעג צו אים צוקומען, פלעגט ער זיך ארומקוקן אף זיינע כאוויירים און אומגעדולדיק מיר הייסן, כ'זאָל פון אים וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן. ס'איז שוין מיר אויסגעקומען אים בעטן, ער זאָל מיט מיר זיין נאָך א ביסעלע. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען פאר זיינע כאוויירים, האלעמיי איך נעם אים ארום און זאָג אים א צערטלעך וואָרט.

אלץ איז געווען אין אָרדענונג. אָבער אויב א מענטשן זאָל זיין גוט א גאנצן זומער אָן אן איבעררייס, וועט דאָך פון נאכעס זיין הארץ ניט אויסהאלטן. האָט זיך געטראָפן...

אין א הייסן טאָג האָט מען אוועקגעפירט זיך באָדן צום טייך דעם זעקסטן אָטריאד, ווו ס'איז געווען מיין אייניקל. ווי געוויינלעך, זיינען די קלענסטע קינדער ארומגערינגלט געווען מיט א צוגאָבלעכער צאָל וואָזשאטעס פון די עלטערע אָטריאדן. גוט? איילט זיך ניט מיט קיין ענטפער.

אינגיכן האָט זיך איבערן לאגער צעטראָגן אן אומרויִק הודעריי: דער הודאָק פון דער קאָטעלנע טרייסלט אוף די לופט, וויגט דעם וואלד, אן אליארם!

מיר, ארבעטער, ווי אויך די פּיאָנערן פונעם עלטערן אָטריאַד און עט־לעכע מענטשן פון דעם נאָענטן פּיאָנערן־לאגער, לויפן צום שטאַב. דאָרטן דערזעען מיר קלאַודיע סערגייעווונע א בלאַסע, זי שרייַט:

— אַלע צום טייַך!

זי לויפט, מיר — נאָך איר. אפן וועג באגעגנט אונדז אן עלטערע אופ־ראמערן. ברעכנדיק די פינגער, זאָגט זי אונדז אָן די פינצטערע בסורע:

— א ייִנגעלע... פונעם זעקסטן אָטריאַד... דאכט זיך דערטרונקען געוואָרן.

כ'האָב דערפילט, אז דאָס בלוט האָט זיך אין מיר אָפּגעשטעלט. אף א מינוט האָבן זיך מייַנע פיס אונטערגעבראָכן. כ'בין געבליבן שטיין. און גלייַך האָט מיך אן אינערלעכער שטויס א טראָג געטאָן נאָכן לויפנדיקן אוילעם.

א יונגיטשקע וואַזשאַטע לויפט אונדז אנטקעגן. אירע פארוויינטע אויגן זייַנען ווילד פארברייטערט. זי מורמלט עפּעס צום לאגער־נאטשאלניק.

— ווער?! — שרייַט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, קלאַודיע סערגייעוונע.

די וואַזשאַטע וויינט אויס דעם נאָמען. איך האָב אָבער ניט דערהערט, ווער דאָס איז.

אפן ברעג זיצן די שוין אָנגעטאָנענע קינדער. צוויי וואַזשאַטעס היטן זיי. די איבעריקע זוכן אין טייַך.

— די קינדער אָפּפירן אין לאגער! — שרייַט קלאַודיע סערגייעוונע, לויפנדיק אין אָנטאָן אין טייַך אריין. אַלע — נאָך איר.

איך פארהאַלט זיך לעבן די קינדער. פאר מייַנע אויגן שווינדלען זייע־רע דערשראָקענע פּנימלעך ווי צעשוווּמענע שאָטנס. איך דערקען ניט, ווער פון זיי איז מייַן אייניקל.

— זיידע!

דערהער איך זייַן ציטעריק קאָל. און אָט קלאַמערט ער זיך שוין מיט די הענטלעך אין מייַנע אָרעמס. דער געדאנק, אז דאָס קינד איז מיט מיר, האָט ווי א הייסער שטראָם דורכגענומען מייַן לייַב. אָבער צופיל שרעק האָט פארקלעמט מייַן הארץ, אז ס'זאָל זיך קאָנען דערפרייען.

— זיידע, — ציטערט זייַן קאָל, — וואָרע קאטונצעוו איז...

— שוויַיג! — זאָג איך צו אים.

מע פירט אוועק די קינדער. איך לויף אין טייַך אריין. מער פון הונ־דערט מענטשן בראָדיען אינעם וואסער אפן אָרט, וווּ מע האָט געבאָדן

די קינדער. דאָס וואסער איז פלאך, אפילע די קליינע קינדער האָט עס דערגרייכט אין יענעם אָרט ביז צו דער ברוסט. מע זעט יעדעס שטיינדל. נאָר וואָווע קאטונצעוון זעט מען ניט...

— ניטאָ אין טייך וואָווע! — שרייט עמעצער.

— דאָס וואסער פליסט דאָך ניט האסטיק, ווּהין זשע האָט ער גע־קאָנט אנטרונען ווערן?! — פרעגט עמעצער.

— עפשער איז ער פארקראָכן אין וואלד?

— און מעגלעך, ניט פרעגנדיק בא קיינעם, האָט אים אוועקגעפירט אין וואלד זיין אָנגעפאַרענע מאמע! אזעלכס טרעפט זיך דאָך! — שרייט מען.

די דאָזיקע האשאָרע האָט זיך געלייגט אפן זינען און גערעדט צו אונד־זערע הערצער: מיר האָבן דאָך אזוי שטארק געוואָלט גלייבן, אז דאָס קינד לעבט!

מיט דער מאָמענטאלקייט, מיט וועלכער אף אַן אוילעם ווירקט די אל־געמיינע שטימונג, האָט די האָפענונג אָנגעהויבן ארויסשטויסן פון אונד־זערע הערצער דעם ייִעש.

אלע האָבן געווענדט די פרעגנדיקע אויגן אף דער, ווער ס׳טראָגט די ערשטע אכרייעס פאר די קינדער.

קלאוודיע סערגייעוונע האָט אופגעהויבן פונעם וואסער דאָס בלאסע, פארצאָרנטע פּאָנעם און מאכטלאָז אראָפּגעלאָזט די מידע הענט לענגויס דער אויסגעווייקטער קלייד.

מיר האָבן זיך צעשאָטן איבערן וואלד און גענומען שרייען:

— וואָ־ווא־א! וואָ־ווא־א־א! קאטונצעוו!!!

פלוצעם דערהערן מיר פון די נאָענטע קוסטעס א קינדערש, שפילעוו־דיק קאָל:

— אא־ו־ו־ו! אָט בין איך דאָך!

פארציטערטע זיינען מיר געבליבן שטיין, קוקנדיק איינער אפן אנ־דערן. מיר לויפן צו די קוסטעס און דערזעען וואָווען מיט זיין מאמען. ער זיצט זיך אף אירע קני און עסט שווארצע קארשן...

די ערשטע איז צו אים צוגעפאלן זיין זעכצניאָריקע וואָזשאטע ליובע. וויינענדיק שוין איצט פאר פרייד, גלעט זי אים און מורמלט:

— וואָוואָטשקא, וואָווא!..

קוקנדיק אף איר מיט א שעלמישן בליק, טוט ער זיך א רייץ:

— איך בין אוועק מיט מײַן מאמען אין וואלד, און דו האָסט מיך גע־זוכט...

ווי צערודערט און אופגעבראכט מיר זײַנען ניט געווען, וואָס דער מאזיק מיט זײַן „קלוגער" מאמען האָבן אונדז אָפּגעשפּילט אזא כאסענע, האָבן מיר, קוקנדיק אף זײַן לאכנדיק מויל, ניט אויסגעהאלטן און זיך צעלאכט.

און דערווײַל איז די צײַט זיך געגאנגען איר וועג. דער שיינער זומער האָט צוביסלעך גענומען אָפּטרעטן פאר דעם אײַלנדיקן הארבסט, וועל־כער איז געקומען פונווײַטן. דער וואלד האָט אָנגעהויבן בײַטן די גרינע פארבן אף געלבלעכע. די רויִק שטייענדיקע אין דער ווארעמער לופטביימער האָבן זיך גענומען אומרויִק שושקען. דער כוידעש אווגוסט האָט צעביטן די פערטע וואָך. אוועק איז דער ליבער זומער...

די אונטערגעוואקסענע קינדער, פארברוינטע פון דער זון, אָנגעזאפּטע מיט פרישקײַט, זײַנען ווי מיד געוואָרן פונעם אָנגעשטרענגטן פולן מיט באוועגונג לעבן. זיי האָבן זיך שוין פארבענקט נאָך דער היים. דער לאגער האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג.

...און אָט זיצן שוין די קינדער אין די אווטאָבוסן. זיי קוקן פון די שויבן אף די קאָטעדזשן, אין וועלכע זיי האָבן אזוי ראשיק און פריי־לעך פארבראכט דעם זומער. איצט זײַנען די פארמאכטע פענצטער און טירן ווי פארומערט געוואָרן. דער פארשלאָסענער קלוב, אין וועלכן ס'האָט אזוי ראשיק געווימלט מיט מוזיק, מיט לידער און טענץ, שווײַגט, ווי פארשעמט. דער וואלד רוישט אומעטיק.

באטראכטנדיק דעם פוסט געוואָרענעם לאגער, דערזע איך פלוצעם, ווי צוגעשפּארט צו א בוים שטייט זיך אזוי איינזאם, ווער האָט איר גע־מיינט? איר וועט זיך ניט אָנשטויסן, אויב כ'וועל אײַך ניט מודיִע זײַן, וועמען כ'האָב דערזען: מײַן געוועזענעם באהעלפער, מײַן בעזעם!.. ס'איז, כ'לעבן, א נעבעך געווען צו קוקן אף אים: ניט קיין בעזעם — אן אָפּגע־פליקטע הוישײַנע! ער שטייט זיך אזוי באטריבט, ווי ער וואָלט מיט מאכטלאָזן פאָרוווּרף געשפּירט נאָך די פלײַענדיקע ארום אים פאפירלעך.

עס דערהערט זיך דער באלעבאָסטעס קאָמאנדע:

— קאָלאָנע, פאָרויס!

די קינדער פאָכען מיט די הענט, געזעגענענדיק זיך מיטן לאגער, אין וועלכן זיי האָבן פארבראכט דעם זומער:

— זײַט געזונט, לאגער, וואלד, טײַך! איבעראיאָר קומען מיר ווידער צו אײַך!

מיר פאָרן מיט דעם דורכגעהאקטן וועג. פון ביידע זײַטן שטייען, ווי ריזיקע ווענט, די הונדערטיאָריקע דעמבעס. זיי הוידען צו מיט די הויכע קרוינען, ווי געזעגענענדיק זיך מיט די קינדער.

די קאָלאָנע פאָרט ארויס אפן שאָסיי. אין א דרײַ שאָ ארום יאָגט אונדז אנטקעגן דער וועג-אופשריפט: „מאָסקווא".

צווישן די קינדער ווערט א גרויסע געדולע:

— מאָסקווע! מאָסקווע! — שרײַען זיי מיט שײַנענדיקע פּענעמער.

יאָ, א געמיש פון אופטרייסלענדיקע געפילן און אסאָציאציעס טראָגט מיט זיך דאָס שטאָלצע וואָרט מאָסקווע!

אינהאלט

די שלאכטן אין מיזרעך־פרייסן 3
די פרייז פון ברויט 41
זומער 54

באָרעך שײנגאוטער

די פּרײַז פון ברויט

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1986, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאקטור —
ס. טשערניאק, א. טאָקער
קאָרעקטאָר כ. אָסטראָווסקי

Борис Шейнгаутер

ЦЕНА ХЛЕБА

М., «Советский писатель», 1986, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк и А. Токер
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 24.01.1986. Подписано к печати 18.02.1986.
Формат 70×108 1/32. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
(Условн. печ. л. 2,8). Заказ № 1552.

Редакция журнала «Советиш геймланд»,
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 4(64), 1986

© Журнал «Советиш геймланд», 1986.